דער נאַכט־באַל פון אונדזער פאַר־באַנד, וואָס איז פאַרגעקומען שבת, דעם 11־טן דעצעמבער האָט זיכער איבערגעלאָזט אַן אָנגענעמען איינ־דרוק ביי אַלע אַנוועזנדיקע.

טראָץ דעם, וואָס די אונטערנעמונג איז נישט פאַרגעקומען אין די טראַ־דיציאָנעלע דאַטעס פון 24־טן, אָדער 31־טן דעצעמבער, האָט אַ גרויסער עולם אויסגעפולט די פּרעכטיקע זאַלן פון האָטעל „הילטאָן”.

די שטימונג איז געווען אַ יום־טובדיקע. די אָרדענונג אַן אויסגע־צייכנטע. די פאַראַנטוואָרטלעכע האָבן געטאָן אַלץ, כדי יעדער זאָל געפינען זיין אָרט.

דער פּלאַץ צום טאַנצן איז פאַר־גרעסערט געוואָרן אין פאַרגלייך צום פאַריקן יאָר, וואָס איז גוט אויפגע־נומען געוואָרן דורך דער טאַנצנדי־קער יוגנט. עס דאַרף טאַקע פאַר־צייכנט ווערן די גרויסע צאָל יונגע מענטשן, פאַמיליעס און פריינט פון אונדזערע מיטגלידער, וואָס האָבן באַזוכט אונדזער אונטערנעמונג און זיך געפילט ביי אונדז, ווי ביי זיך אינדערהיים.

דער אויסגעצייכנטער אָרקעסטער, וואָס האָט זייער אָפּט געשפּילט ייִדי־שע און ישראלדיקע מעלאָדיעס, האָט זייער שטאַרק אויסגענומען אי ביי די טענצער, אי ביי אַלע אַנדערע אַנ־וועזנדיקע און צוגעגעבן דעם באַל אַן אינטימען, ייִדישן כאַראַקטער.

דער עלטערער עולם האָט זיך גע־ווילט ביי די טישלעך, וועלכע זיינען דאָסמאָל אויך געווען אין אַ גרעסערער צאָל, אַזוי, אַז יעדער איינער האָט געקאָנט אָנגענעם פאַרברענגען די צייט מיט זיין משפּחה און פריינט.

גאָר באַזונדער האָט אויסגענומען ביי די פאַרזאַמלטע דער מוזיק־האָל־ווערעט, מולודזשי; דאָס זעלבע — די זינגערין פון ייִדישע פראַנצויזישע און ישראל־לידער — סאַראַ פריד־מאַן. דער אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון אַנימאַטאָר פאַל פאַבר האָט אַ גאַנצע נאַכט אויפגעהאַלטן אַ לעבעדיקע, פריילעכע שטימונג.

דער דערפאָלג פון אונדזער טראַ־דיציאָנעלן נאַכט־באַל איז צו פאַר־דאַנקען אַלע מיטגלידער פון דער אָנ־פירונג, וואָס האָבן אָפּגעגעבן פיל צייט און ענערגיע פאַר צוגרייטן דעם באַל און אויפן אָרט געזאָרגט, אַז אַלץ זאָל אַדורך ווי צום בעסטן.

מיר דריקן אויס אַ דאַנק אַלע אונ־דזערע חברים, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום דערפאָלג פון דער גרוי־סער אונטערנעמונג.

מיר דאַנקען באַזונדערס די מיט־גלידער, וועלכע האָבן אויסגעקויפט די איינטריט־קאַרטן, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן, צוליב פאַרשידענע סיבות, נישט געקאָנט קומען אויפן באַל. זיי האָבן אַזוי צוגעהאָלפן צום מאַטער־יעלן דערפאָלג פון דאָזיקן יום טוב.

מיר ברענגען ווייטער אַ ליסטע פון די טוער, וועלכע האָבן זיך ספּע־ציעל אויסגעצייכנט אינעם פאַרקויף פון די בילעטן:

איזי בלום, גאַרבאַזש, קאַן, פרוי לילענשטיין, מאַלאַך, חיים סאַדאָווס־קי, סאַלאַמאָן, סאָסעוויטש, סקורניק, אוריעוויטש און וועלער.

די קאָמיסיע, וועלכע האָט צוגע־גרייט און אַדורכגעפירט דעם באַל, איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע טוער:

אַפּעל, גאַרבאַזש, זילבערבערג, אַפּעלויג, שמואל בלום, גוטרייך, הייטמאַן, קרעמסקי, קריסטאַל, קריי־זען, קליידער, קאַן, מאַלאַך, סאַדאָווס־קי, סאָסעוויטש, שראַגאַ, שולץ, שטאַבאָוויטש, שוואַרץ, אוריעוויטש, ווייצמאַן און זימעט.

## אן אנדענק-מאנומענט אין דראנסי

דראַנסי. דער נאָמען דערמאָנט דעם טרויעריק באַרימטן לאַגער, ווו עס זיינען געווען אינטערנירט 100 טויזנט מענטשן, קרבנות פון די נאַצי־אָקו־פּאַנטן, הויפּטזאַכלעך ייִדן. 67,693 פון זיי זיינען געוואָרן דעפּאָרטירט אין די אויסראָטונג־לאַגערן אין דייטשלאַנד און בלויז 1.518, ד״ה 3% פון זיי האָבן איבערגעלעבט די פינצ־טערע נאַצי־נאַכט. 256 פון די איג־טערנירטע זיינען דערשאָסן געוואָרן אין פראַנקרייך גופא.

כדי צו באַערן דעם אָנדענק פון די מאַרטירער האָט דער מוניציפּאַל־ראַט פון דער שטאָט דראַנסי אָנגענומען, דעם 11־טן דעצעמבער 1963, אַ באַ־שלוס אויפצושטעלן אַ מאָנומענט אויפן אָרט, ווו דער לאַגער האָט זיך געפונען.

כדי אונטערצושטיצן די איניציאַ־טיוו פון מוניציפּאַל־ראַט איז, דעם 25־טן דעצעמבער 1970, געשאַפן גע־וואָרן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן עס געפינען זיך די פאַרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס פון געוועזענע איג־טערנירטע, דעפּאָרטירטע, ווידער־שטענדלער און פראָנט - קעמפער, פאַרשטייער פון מוניציפּאַל־ראַט פון דראַנסי און אויך פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך.

אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז פאַרגעקומען דעם 14טן דע־צעמבער 1971 אין סערקל רעפּובלי־קען, האָבן די פאַרשטייער פון קאָמי־טעט: אַדוואָקאַט זשופאַ און דער דע־פּוטאַט, מער פון דראַנסי, מ. נילעס, דערקלערט, אַז דער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען אַ גרויסע עפנטלעכע געלט־זאַמלונג אין נאַציאָנאַלן מאָס־שטאַב, כדי צו קאָנען רעאַליזירן די נאָבעלע אויפגאַבע.

דער ייִדישער קאַמבאַטאַנטן־פאַר־באַנד האָט זיך פאַרשטענדלעך אָנגע־שלאָסן אין דער אַזוי וויכטיקער אי־ניציאַטיוו.

N° 134 Fevrier 1972 (1)


<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואס הערט זיך אין דער קאמבאטאנטן־וועלט ?

## ( געלייענט אין דער קאמבאטאנטן־פרעסע )

## די אייראפעאישע קאנפערענץ אין רום

אין אלע לעצטנס דערשינענע קאמבאטאנטן ־ צייטונגען פארנעמט דעם אויבן־אן די אייראפּעישע קאנפערענץ אין רום וואס איז פארגעקומען ווי באקאנט פון 18־טן ביזן 20־טן נאוועמבער 1971. אלע גיבן איבער דעם פולן טעקסט פון אפעל. זיי באשרייבן דעם פארלויף פון דער קאנפערענץ און גיבן צו זייערע קאמענטארן.

אזוי למשל שרייבט דער „פ. זש.", ארגאן פון דער לאנד־פעדעראציע פון קריגס־געפאנגענע :

„כדי צו פארשטיין די באדייטונג פון דעם צוזאמענטרעף, איז גענוג צו נעמען אין באטראכט דעם פאקט, אז די אנטיילנעמענדיקע דעלעגאטן האבן רעפּרעזענטירט 19 לענדער, 74 נאציאנאלע און 6 אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציעס, אז אלע זיינען געווען לעבן־געבליבענע אנטיילנעמער אין די בלוטיקע העקאטאמבעס, וואס האבן געקאסט 80 מיליאן טויטע.

„צום ערשטן מאל נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה האבן זיך צוזאמענגעטראפן געוועזענע פראנט־קעמפער, וואס האבן זיך קעגנזייטיק באקעמפט בעת די לעצטע וועלט־מלחמות...

„די קאנפערענץ האט באזוכט דער פּרעזידענט פון דער עסטרייכישער רעפּובליק, דער וויצע־פּרעמיער און פינאנץ־מיניסטער פון דער איטאליענישער רעגירונג. זי האט באקומען באגריסונג־טעלעגראמעס פון מארשאל טיטא, פון ווילי בראנד, וואלטער שעל, מערב־דייטשן אויסערן־מיניסטער און פון קארדינאל דעל אקווא.

„דער פּויפּסט האט אין פארלויף פון דריי פערטל שעה אויפגענומען אלע דעלעגאטן.

„דער שלום ! — האט ער געזאגט — ווער וויל אים דען נישט ? און ווער וואלט געהאט די דרייסטקייט אים נישט צו פארטיידיקן ? אבער וויפל אומבאוווסטזיין בלייבט אפט אין די הערצער פון געוויסע ארגאניזאטארן פון פּאציפיסטישע מאניפעסטאציעס ? ! און וויפל ליגנט און דאמינאציע־מאנעווערס באהאלטן זיך הינטער געוויסע שלום־פּרעטענסיעס ! אייער עדות האט א גאר אנדערן מאראלישן געוויכט. אייער צוגעבונדנקייט צו אייערע פאטערלענדער טראגט דעם שטעמפּל פון אייער אנגאזשירונג, פון אייערע ליידן, אפט מיטן ריזיקא פון אייער לעבן. אין איינצייטיק זוכט איר די וועגן פון אונטערהאנדלונגען, פון אקטיווער צוזאמענארבעט און פון רעספּעקטירן אנדערע פעלקער און זייערע גרענעצן. אייער אפעל, וואס איר ווענדט צו אייערע אייראפּעישע ברידער און ספּעציעל צו די פאראנטוואָרטלעכע פאר אירע פעלקער, דארף ווערן אויסגעהערט".

### „דאס איז א נס"

אין לייט־ארטיקל פון „אפעל דע ז' אנסיען קאמבאטאן" לייענען מיר :

„פארזאמלען די פארשטייער פון די געוועזענע פראנט־קעמפער, וויךערשטענדלער, דעפּארטירטע און אינטערנירטע, קריגס־געפאנגענע און מלחמה־קרבנות פון אלע אייראפּעישע לענדער, וואס האבן זיך באקעמפט אין דער מערדערלעכסטער פון אלע מלחמות, אוועק זעצן ביי איין טיש די, וואס זיינען געווען אלירטע און פיינט, דעפּארטירטע אדער קריגס־געפאנגענע, **מלחמה־אלמנות**, עלטערן פון דערשאסענע, די אויפגאבע האט געשיינט צו זיין א געוועט. און וועגן דעם האט זיך דאך געהאנדלט אין רום בעת די טעג פון 18־טן ביזן 20־טן נאוועמבער. דאס איז א נס" — האט געזאגט דער פּויפּסט בעת זיין הארציקער אויפנאמע פאר די דעלעגאטן".

„דאס איז א פּרוכט פון א סך געדולד, פון א סך גוטן ווילן, פון אן אומגעהויערן ווילן פון שלום, פון ברידערלעכקייט, פון ווילן בעסער צו לעבן. דאס איז, לויט אונדזער מיינונג, אן אומגעהויערערביישטייער צום קאמף פאר דער אייראפּעישער זיכערקייט, דורכן דעפינירן די גרויסע פּרינציפּן, וואס דארפן דערלויבן די אייראפּעישע פעלקער, א סוף צו מאכן צו מלחמות און פארזיכערן דעם שלום".

### נישט פארגעסן, נאר אנפאנגען א דיאלאג

דער „פּאטריאט רעזיסטאן", די צייטונג פון די דעפּארטירטע שרייבט:

„פון אייראפּע זיינען ארויס די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות, וואס האבן געלייגט א שטעמפּל אויף אונדזער יארהונדערט. זייער בילאנס איז געווען א שרעקלעכער.

„נאך דער לעצטער וועלט־מלחמה איז געקומען די „קאלטע מלחמה"... און ווען עס האט זיך שוין אנגעהויבן די אנטשפּאנונג, האט מען נאך נישט געגלייבט, אז אלע געוועזענע פראנט־קעמפער, קרבנות פון נאציזם, אלע וואס האבן דירעקט איבערגעלעבט די דראמע, זאלן זיך קאנען צונויפטרעפן און צולייגן זייער שטיין צו דער געביידע און דער קאנסאלידאציע פון שלום.

„צופיל טרויעריקע זכרונות האבן זיי פאנאנדערגעשיידט און אויך צופיל אכזריות. אבער יעדער האט געדארפט נעמען אויף זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט איבערצוגיין צו א נייעם עטאפּ, וואס איז נישט קיין עטאפּ פון פארגעסן, נאר פון א נויטיקן דיאלאג צווישן קאמבאטאנטן, פארשטענדלעך, אויסשליסנדיק די ס. ס.־פארברעכער. פאר דעם פּרייז האבן די געוועזענע פראנט־קעמפער געקאנט שפּילן זייער היסטארישע ראל ביים זוכן אן אמתדיקן שלום אין אונדזער אייראפּע פון דורות ליידן !

### דער טאג פון געוועזענע פראנט־קעמפער פאר שלום

פּיער ווילאן אין „זשורנאל דע לא רעזיסטאנס" ברענגט ארויס די אקטיווע באטייליקונג אין צוזאמענטרעף פון דער פראנצויזישער דעלעגאציע און אירע איניציאטיוון :

„אויפן סמך פון א פארשלאג פון דער פראנצויזישער דעלעגאציע איז באשטימט געווארן, אז דער צוגרייטונג־סעקרעטאריאט וועט פארשלאגן אלע אנטיילנעמענדיקע ארגאניזאציעס די דאטע פון „דעם טאג פון געוועזענע פראנט ־ קעמפער פאר שלום". דעם טאג וועלן די געוועזענע פראנט־קעמפער און מלחמה־קרבנות פון אלע שטעט, שטעטלעך און דערפער פון גאנץ אייראפּע זיך פארזאמלען פאר די מאנומענטן לכבוד די געפאלענע אין ביידע וועלט־מלחמות, כדי אויסצוהערן דעם „אפעל פון רוים" און אין געשלאסענע רייען אים איבערטראגן אין די מעריס, כדי זיי זאלן אים איבערגעבן די קאמפּעטענטע מאכט־ארגאנען.

„ווי באוווּסט איז דער פארשלאג אנגענומען געווארן און דער „טאג פון געוועזענע פראנט־קעמפער פאר שלום" איז באשטימט געווארן אויף שבת, דעם 15־טן אפּריל 1972. דורכן סעקרעטאריאט פון צוזאמענטרעף אין רוים, וועלכער האט זיך פארזאמלט אין באד־גאדעסבערג (מערב־דייטשלאנד."

### און די פראנצויזישע רעגירונג ?

די צייטונג פון די מלחמה־יתומים „זשורנאל דעז ארפעלן דע גער" שטעלט אוועק פאלגנדיקן פּראבלעם :

„אין קעגנזאץ צו דער איטאליענישער, עסטרייכישער, דייטשער, יוגאסלאווישער רעגירונג און צום וואטיקאן, האבן די פראנצויזישע רעגירונג־קרייזן ווארשיינלעך געוואלט איגנארירן דעם אייראפּעישן צוזאמענטרעף פון די געוועזענע פראנט־קעמפער אין רוים און די גרויסע פּרעסע האט זיך באגנוגנט מיט קורצע קאמוניקאטן.

„מיר דערלויבן זיך אויסצודריקן אונדזער פארוווּנדערונג.
קיין פּרעצעדענט אין דער אייראפּעישער געשיכטע און ספּעציעל, וואס די פראנצויזישע קאמבאטאנטן־וועלט האט פארשטאנען זיין באדייטונג, וואס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער צאל און קוואליטעט פון דער פראנצויזישער דעלעגאציע און איר ביישטראג צו די ארבעטן פון דער קאנפערענץ".

### אפּקלאנג אין ישראל

דער גרויסער און וויכטיקער צוזאמענפאר האט אנגענומען א געמיינזאמען פייערלעכן אפעל, וועלכער רופט צו איינקייט פון אלע ווידערשטאנד־קעמפער און קאמבאטאנטן, אומאפּהענגיק פון פּאליטישע אונטערשידן און אריענטאציעס. דער געמיינזאמער אפעל שטרייכט אונטער צווישן אנדערן, אז „שלום און זיכערקייט וועלן קאנען זיין דויערהאפט נאר דאן, ווען אלע מדינות וועלן אנערקענען די גלייכקייט פון רעכט פון יעדער מדינה, א גרויסע צי א קליינע; ווען זיי וועלן רעספּעקטירן זייער נאציאנאלע סוווערעניטעט און ווען זיי וועלן שטעלן אויסערן געזעץ יעדע פארם פון ראסיזם און יעדע דאקטרין פון רעליגיעזער אדער נאציאנאלער שנאה צווישן מענטשן און פעלקער".

דער אפעל פון רוים שטרייכט אויך אונטער, אז „אינטערנאציאנאלע אונטערשידן און קאנפליקטן דארפן געלייזט ווערן אויפן וועג פון אונטערהאנדלונגען, לויט די פּרינציפּן און אין הסכם מיט דער רעזאלוציע פון דער ארגאניזאציע פון פאראייניקטע פעלקער.

## דער קאמבאטאנטן־בודזשעט פאר'ן יאר 1972

אלע קאמבאטאנטן ־ צייטונגען דריקן אויס זייער אומצופרידנקייט פון נייעם קאמבאטאנטן־בודזשעט אויפן יאר 1972.

וואס אנטהאלט ער נייעס ?

די עלטערן פון אומגעקומענע געוועזענע פראנט־קעמפער, וועלן באקומען א העכערונג, אויב זיי האבן דערגרייכט 65 יאר און זיינען אינוואלידן;

אלע מלחמה־אלמנות וועלן געניסן פון א ספּעציעלן רעזשים פון דער סעקוריטע סאסיאל;

די עלזאסער, וואס זיינען מיט צוואנג איינגעגלידערט געווארן דורך די דייטשן אין מיליטער וועלן געניסן פון קאמבאטאנטן־רעכט;

די געוועזענע מיליטער־לייט פון נארד־אפריקע וועלן קאנען געניסן פון מוטואליסטן־רענטעס;

עס וועלן ווייטער אויסגעגלייכט ווערן די פּענסיעס פון די פּאליטישע דעפּארטירטע מיט די רעזיסטאנס־דעפּארטירטע;

דער הילף־פאנד פון נאציאנאלן קאמבאטאנטן־אפיס וועט פארגרעסערט ווערן.

אבער די הויפּט־פאדערונגען פון די קאמבאטאנטן־ארגאניזאציעס זיינען נישט גענומען געווארן אין באטראכט.

דער „זשורנאל די קאמבאטאן" רעכנט אויס, אז די 2610 פ. 16 סאנטים, וואס עס באקומט איצט א 50%־טיקער אינוואליד, האט א סך א קלענערע קויף־קראפט, ווי די 1200 פ., וועלכע עס האט באקומען דער־זעלבער אינוואליד אין 1919. די היינטיקע 365 פר. רענטע פאר קאמבאטאנטן פון 1914—1917 און פאר גרויסע אינוואלידן פון דער לעצטער מלחמה קאן מען נישט פארגלייכן מיט די 1200 פ., וואס דער קאמבאטאנט האט באקומען ביי 55 יאר אין 1930. וואס עס איז נוגע די 35 פר. רענטע פאר קאמבאטאנטן פון צווייטן וועלט־קריג, באטראכטן זי א סך פאר א דערנידערונג.

און דאס קומט פאר אין א סיטואציע, ווען די צאל פּענסיאנירטע פארקלענערט זיך כסדר. אין 1962 זיינען זיי געווען 1.833.580; אין 1971 איז געבליבן 1.419.000. ד"ה כמעט א האלבער מיליאן ווייניקער, ווייל די שטערבלעכקייט צווישן די מלחמה־קרבנות איז א גרעסערע, ווי ביי דער איבעריקער באפעלקערונג. די צאל קאמבאטאנטן, וואס באקומען עלטער־רענטעס איז געפאלן פון 1,612.000 אין 1962 ביז 985.000 אין 1971. דאס הייסט, אז די רעגירונג ברענגט זיך איין געלט אויפן חשבון פון געוועזענע פראנט־קעמפער. אין 1961 האט דער קאמבאטאנטן־בודזשעט באטראפן 5,42% פון אלגעמיינעם; איצט בלויז 3.88 פּראצענט.

אזוי זעט אויס די רעאליטעט נוגע די גרויסע קאמבאטאנטן־פאדערונגען

די עוולה איז אזא שרייענדיקע, אז אין דער ערשטער אפּשטימונג איז דער קאמבאטאנטן ־ בודזשעט מיט שוועריקייטן אדורך אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג. דער סענאט האט אים פשוט אפּגעווארפן. צום סוף איז ער אנגענומען געווארן מיט דער צאל פון 320 דעפּוטאטן און סענאטארן אויף דער אלגעמיינער צאל פון 767, דאס הייסט דורך א מינדערהייט פון 43 פּראצענט. א גרויסע צאל האט זיך אפּגעהאלטן, כדי נישט צו שאפן קיין שוועריקייטן דער רעגירונג.

דעריבער קומט דער „אפעל דע שעמינא", די צייטונג פון באן־ארבעטער געוועזענע קאמבאטאנטן, צום אויספיר :

„וואס עס זאל נאר נישט זאגן דער קאמבאטאנטן־מיניסטער וועגן זיין בודזשעט פון קאנטינואיטעט (ביודזשעט דע קאנטינואסיאן) איז דאס א בודזשעט פון קאנטינואיטעט „אין דער נויט".

## נאכאמאל וועגן פעטען

מיר האבן שוין געשריבן וועגן דעם, אז עס ווערן געמאכט אנשטרענגונגען איבערצופירן דעם קערפּער פון פּעטען קיין דואמאן, ווו עס געפינט זיך דער מאנומענט פאר די געפאלענע אין דער שלאכט ביי ווערדען בעתן ערשטן וועלט־קריג. דער אדוואקאט פון פּעטען, איזארני, האט געגעבן אנצוהערן, אז דער פּרעמיער־מיניסטער שאבאן־דעלמאס האט אים געגעבן א באפרידנדיקן ענטפער אין דער פראגע. דעם 18־טן אקטאבער 1971 האט דער פּרעזידענט פּאמפּידו אויפגענומען אין דער פראגע דעם געוועזענעם וויישי־מיניסטער, זשארזש ריוואלע, וועלכער האט געוואגט צו רעדן אין נאמען פון 800 טויזנט לעבן־געבליבענע געוועזענע פראנט־קעמפער און צוגעזאגט, אז אלץ וועט פארקומען שא־שטיל. אז די צערעמאניע וועט זיין א דיסקרעטע און דער מיליטערישער כבוד רעדוצירט צו א מינימום.

אין צוזאמענהאנג דערמיט פארעפנטלעכט „פראנס ד'אבארד", די צייטונג פון די געוועזענע ווידערשטענדלער־פּארטיזאנען בעת דער אקופּאציע, א לאנגן בריוו פון א.נ.א־ק.ר. צום פּרעמיער־מיניסטער, אין וועלכן די ארגאניזאציע באווייזט, אז דאס איבערפירן דעם קערפּער פון פּעטען קיין דואמאן וואלט אין דער ערשטער ריי געווען אומגעזעצלעך, ווייל לויטן געזעץ קאנען ווערן באערדיקט אויף מיליטערישע בית־עלמינס נאר אזעלכע מיליטער־לייט, וואס זיינען געפאלן אויפן שלאכטפעלד אין קאמף קעגן שונא. „א סך מיליטערישע פירער אן קיין שום פלעק האבן נישט געהאט דעם כבוד און פּעטען איז דאך געווארן און איז פארבליבן א פארמשפּטער צום טויט פאר צוזאמענארבעט מיטן שונא. זיין איבערפירן קיין דואמאן וואלט געווען א פארלייקענונג פון דער גערעכטיקייט אן א פּרעצעדענס און וואלט באדייט די רעהאביליטאציע פון פּאראט און פון דער קאלאבאראציע מיט די אקופּאנטן. עס וואלט געהייסן, אז די רעגירונג דעזאווואירט די רעזיסטאנס און זי וואלט פּראוואצירט א שטארקן ווידערשטאנד פון איר זייט".



N°734 Fevrier 1972 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# טעאטער און פילם

## "דאס פארכישופטע שניידערל"

„דאָס פאַרכישופטע שניידערל", אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון שלום־עליכם, אינסצעניזאַציע און רעזשי פון משה קינמאַן און געשפּילט דורכן „יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל איז אָן שום ספק אַ גרויסע געשעעניש און אַ וויכטיקער אויפטו אין ייִדישן קולטור־לעבן אין פּאַריז.

ווי באַוווּסט, שטיצט זיך די פּיעסע „דאָס פאַרכישופטע שניידערל" אויף אַן אַנעקדאָט, וואָס ווערט ביי שלום עליכמען פאַרוואַנדלט אין אַ פּעסטיוואַל פון ייִדישן הומאָר, דווקא אין דער אַטמאָספער פון ייִדישן צער און אָרעמקייט.

עס קומט אַ גרויסן דאַנק דעם רעזשיסער ווי דעם אַנסאַמבל און די טיכטיקע טוער פון טעאַטער־קאָמיטעט, וועמענס אַקטיוויטעט אויפן קולטור־געביט איז אַזוי נאָענט און טייער דעם קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד פאַר האָבן געמאַכט דעם אויסוואַל, ווייל שלום־עליכם איז דער סאַמע באַליבטער אויטאָר ביי ייִדן און אויך דערפאַר ווייל זיינע ווערק, וועלכע שפּרודלען אייביק מיט פאָלקס־חכמה איז תמיד אַקטועל. דער בעסטער באַוויייז איז דער גרויסער דערפאָלג פון „פידל אויפן דאַך" לויט „טוביה דער מילכיקער".

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דער פּיעסע, וואָס פאַרדינט די ברייטסטע מיטהילף פון די ייִדישע פאָלקס־מענטשן.

## „דער גאַרטן פון פינזי־קאַנטיני"
### פילם פון וויטאַריאַ דע סיקאַ

דער פילם „דער גאַרטן פון די פינזי־קאַנטיני", פון וויטאַ ריאַ די סיקאַ, לויטן ראָמאַן פון זשאָרזש באַסאַני, איז נישט בלויז, ווי עס האָבן געזונגען די פּאָעטן „אַ גרויסער גן־עדן" נאָר אַ גאָרטן אַרום אַ שלאָס, ווו עס האָט געלעבט און געהערשט אַ ייִדישע גרויס־בורזשואַזע פאַמיליע, אַ מין אָאַזיס פון יונגע שיינע פרויען און מענער, געקליידט אין ווייסן ביים שפילן אין טעניס. דאָס איז אַ מעלאַנכאָלישע כראָניק אַ לאַ פּרוסט וואָס ענדיקט זיך אָבער דאָ אויף אַ גרויזאַמען אופן מיט דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון אָט דער ייִדישער עדה אין אַן איטאַליענישער פּראָווינץ־שטאָט.

די גרעסטע מעלה פון דעם פילם איז, וואָס דע סיקאַ האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט אין אַ איטאַליענישן פילם דעם גורל פון אָט דער ייִדישער משפּחה פון פיר דורות וועלכע איז אָנגעהויבן פאַרפאָלגט צו ווערן אין 1938 און וואָס איז נאָך די אַבלאַוועס אין 1943 דעפּאָרטירט געוואָרן אין פאַרשידענע דייטשע טויט־לאַגערן, פונוואַנען קיינער פון זיי איז מער נישט צוריקגעקומען.

די דאָזיקע ייִדישע אַריסטאָקראַטן, האָבן נישט אויסגעמיטן זייער אומקום, זיי האָבן להיפוך צו די אַנדערע איטאַליענישע ייִדן, וועלכע האָבן געקעמפט מיט געווער אין די הענט — געפירט אַ פלירט מיט די מוסאָליניפאַשיסטן. זיי זאָלן אפילו האָבן געשטיצט די רעגירונג ביים שאַפן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר קאָמוניסטן און דעמאָקראַטן. אַלנפאַלס זיינען זיי געווען שטאָלץ צו זיין „נאַציאָנאַליסטן" און געטראָגן די פאַשיסטישע אָפּצייכנס, אָבער דאָס האָט זיי אויך נישט געהאָלפן.

עס הויבט זיך אָן מיט אַבלאַוועס, מען האָט פאַרוועוועט געמישטע חתונות, מען פאַרטרייבט די ייִדישע סטודענטן פון די מלוכה־שולן, מען שליסט זיי אויס פון מיליטער און ווען מוסאָליני וואַרפט זיך פולשטענדיק אונטער היטלערן, פאַרענדיקן די פינזי־קאַנטיני זייער עקזיסטענץ אין די טויט־לאַגערן.

דאָס איז אַ טיף־אויפטרייסלענדיקער פילם, וואָס גיט אַ בילד וועגן לעבן און אומקום פון די איטאַליענישע ייִדן, ערב דעם אונטערגאַנג פון איטאַליענישן פאַשיזם און בעתן לעצטן קריג מיט אַלע זיינע גרוילן.

דע סיקאַ האָט אויף אַ באַזונדערס צאַרטן און פילנדיקן אופן געשילדערט די ייִדן כדי צו ווייזן, ווי ער האָט עס דערקלערט אין אַן אינטערוויו, „דעם העסלעכן פּרצוף פון פאַשיזם און טאַקע צוליב דעם, וואָס קיינער וויל נישט גלויבן... אַז מוסאָליני זאָל טאַקע האָבן אַזוי געהאַנדלט".

ער האָט אויך געשאַפן דעם פילם, האָט ער באַטאָנט, כדי קעגנצווווירקן די פאַשיסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן צוריק אויפגעהויבן מוסאָליניס פאָן; וואָס מאַניפעסטירן פונדאַסניי אין די איטאַליענישע שטעט און דערפער, ווו זיי באַקומען אויך שטימען בעת די וואַלן.

דער זין פון מיין ווערק, האָט דע סיקאַ צוגעגעבן, איז דאָס זוכן די סאָלידאַריטעט, דעם קאַמף קעגן עגאָאיזם און גלייכגילטיקייט... און דאָס איז די סאַמע גרעסטע מעלה פון אַ סינעאַסט, אַ קינסטלער, וועלכער וויל נישט בלייבן גלייכגילטיק צום ייִדישן גענאָסיד און צום פאַשיזם.

אַ פילם, וואָס יעדער ייִד וואָלט געדאַרפט גיין זען.

מ שוסטער

## 2500 פראַנק פאַרן יידישן טעאַטער

פונקט ווי אַלע יאָר, האָט אויך האָיאָר דער ייִדישער קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד באַשטימט אַ סובווענציע פאַרן ייִדישן טעאַטער אין פּאַריז, אין דער הויך פון 250 טויזנט אַלטע פר.

## די פּערמאַנענץ פון מוטיעל

דער מוטיעל ביים קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד האַלט אָפּ זיין פּערמאַנענץ יעדן 2־טן דינסטיק פון חודש פון 3,30 ביז 5 אַזייגער.

# די רעכט אויף מלחמה־פענסיע פאַר קריגס־קרבנות פון אויסלענדישן אפּשטאַם

אויפן לעצטן קאָנגרעס פון „אַראַק", איז צווישן אַנדערן אָנגענומען געוואָרן, איינשטימיק, די רעזאָלוציע וועגן אַלע פראַגן נוגע דער פאַרטיידיקונג פון די רעכט פון די געוועזענע קאַמבאַטאַנטן און קריגס־קרבנות.

מיר האָבן געהאַלטן פאַר אינטערעסאַנט צו באַקענען אונדזערע לייענער מיטן קאַפּיטל נוגע די רעכט פון די ציווילע קריגס־קרבנות פון אויסלענדישן אָפּשטאַם.

מיר ברענגען וויטער כמעט דעם פולן טעקסט פון דאָזיקן קאַפּיטל. דאָס אַרטיקל ל — 193 פון קאָדעקס וועגן די פּענסיעס פון אינוואַלידן און אַנדערע קריגס־קרבנות זאָגט פאָלגנדיקס:

„יעדער פראַנצויז, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט, וועלכער איז צוליבן קריג געוואָרן פאַרוווּנדעט אָדער געוואָרן אַרבעט־אומפעיִק צוליב אַ קראַנקייט האָט רעכט אויף אַ דעפיניטיווער אָדער פּראָוויזאָרישער פּענסיע".

דער דאָזיקער טעקסט אָנערקענט, אַלזאָ, די רעכט אויף פּענסיעס אויפן סמך פון אויבנדערמאָנטן קאָדעקס לטובת די ציווילע קריגס־קרבנות פון אויסלענדישן אָפּשטאַם, וועלכע זיינען געוואָרן פראַנצויזן, און במילא אויך לטובת די פאַמיליעס פון די אומגעקומענע (אַלמנות, יתומים און עלטערן).

מען דאַרף באַמערקן, אַז דער דאָזיקער טעקסט פאַרופט זיך איבערהויפּט נישט אויף דער דאַטע, ווען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט האָט געדאַרפט באַקומען ווערן. פאַקטיש האָבן אַלע אָפּזאָגן פון די ביטעס, פון אַרטיקל ל. ־ 193, זיך געשטיצט אויף פאָלגנדיקן מאָטיוו:

„דער פאַראינטערעסירטער (אָדער די פאַראינטערעסירטע ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן אַלמנה) איז נישט געווען קיין פראַנצויזישער בירגער אינעם מאָמענט פון אַנטשעדיקונגס־פאַל; ער קאָן דעריבער נישט פּרעטענדירן אויף אַ פּענסיע".

דער דאָזיקער אַרגומענט, וואָס איז לאַקאָניש איבערגעחזרט געוואָרן אין פאַרשידענע אָפּזאָג־דעציזיעס, און אַן דעם, אַז ער זאָל זיך פאַרופן אויף וועלכן עס איז געזעצלעכן טעקסט פון קאַמבאַטאַנטן־מיניסטעריום, האָט זיך באַזירט אויף אַ יוריספּרודענץ פון מלוכה־ראַט, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגע־צייכן דורך פאַרשידענע יורידישע אינסטאַנצן בנוגע פּענסיעס, וועלכע האָבן דערפירט דעם מלוכה־ראַט צו ענדערן זיין ביזאיצטיקע שטעלונג אין פאַרשידענע פאַלן.

עס איז אַזוי געשען, צום ביישפּיל, אינעם פאַל פון ה. ראַאַ, דעם 15־טן יוני 1966, וועלכער איז געווען אַ דירעקטער קרבן. ה. ראַאַ איז געוואָרן פאַרוווּנדעט בעת דעם קריג פון 1945־1939 און טראָץ דעם, וואָס ער האָט באַקומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט ערשט דעם 31־טן יאַנואַר 1950 איז די רעכט אויף פּענסיע באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מלוכה־ראַט, ווייל די ביטע אויף דער פּענסיע איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער דאַטע פון זיין נאַטוראַליזאַציע.

וואָס נוגע די ציווילע קריגס־קרבנות, האָט לעצטנס די יוריספּרודענץ פון מלוכה־ראַט אָנערקענט די רעכט אויף פּענסיע לטובת די, וועלכע האָבן באַקומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט איידער זיי האָבן אָנגעגעבן אויף פּענסיע אַלס אַלמנה, קריגס־יתום אָדער עלטערן פון אומגעקומענעם. עס זיינען פאַראַן קאָנקרעטע ביישפּילן נוגע דער דאָזיקער יוריספּרודענץ, עס איז אָבער איבעריק זיי דאָ אויסצורעכענען.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז די רעכט אויף פּענסיע פון די דירעקטע קריגס־קרבנות פון אויסלענדישן אָפּשטאַם, וועלכע זיינען איצט נאַטוראַליזירט, דאַרפן ווערן באַטראַכט אין דער ליכט פון דער דאָזיקער יוריספּרודענץ.

עס איז נויטיק, באַזירנדיק זיך אויף די אויבנדערמאָנטע אורטיילן, אַז די רעגירונג זאָל אָננעמען מאָסמיטלען, בכדי צו דערמעגלעכן, אַז די אַלע, וועמען מען האָט אָפּגעוואָרפן די פּענסיע צוליב נאַציאָנאַליטעט־סיבות זאָלן קאָנען אָנגעבן אַ נייע ביטע.

## ניי־יאָר ווונטשן

אונדזער פאַרבאַנד האָט באַקומען צוגעשיקט פון אַ גאַנצער ריי פראָנטקעמפער־אָרגאַניזאַציעס און פון פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, ווונטשן צום נייעם יאָר, צווישן זיי: דער „אופאַק", דער „אַראַק", דער „אַנאַקר" און אַנדערע.

מיר, פון אונדזער זייט, האָבן אָפּגעדאַנקט פאַר דער דאָזיקער סימפּאַטישער אויפמערקזאַמקייט.

מיר נוצן אויס די געלעגנהייט, כדי צו ווינטשן אונדזערע מיטגלידער און פילצאָליקע פריינט אַ יאָר פון געזונט, פון גליק און שלום אויף דער וועלט.

# די ניי־יאָר־פאַרוויילונג אין אַפּרו־הויז

ביי יעדער געלעגנהייט זאָרגט די אָנפירונג פון אַפּרו־הויז אין לעווענס, אַז די קאָנוואַלעסצענטן, וואָס זיינען דערווייטערט פון זייערע היימען און פון זייערע נאָענטסטע צוליב זייער געזונט־צושטאַנד, זאָלן פאַרגעסן אין זייערע דאגות און זיך פאַרוויילן.

צווישן אָט די דאַטעס ווערט פאַרשטענדלעך פאַרצייכנט דער יום־טוב פון נייעם יאָר.

שוין עטלעכע טעג ערב דער פייערונג גייט אָן אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג מיט דער באַטייליקונג, פאַרשטענדלעך, פון אַלע קאָנוואַלעסצענטן.

עס ווערט צוגעגרייט דער אַרטיסטישער פּראָגראַם און צוויי טעג פאַרן יום־טוב, ווערן געגעבן, דורכן דירעקטאָר אַלע נויטיקע אָנווייזונגען אין דער פאַרטיילונג פון די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן.

עס זיינען ענדלעך אָנגעקומען די לעצטע שעהען פון31־טן דעצעמבער. אַלע לאָמפּן פון הויז, אַזוי גוט פון אינעווייניק ווי פון דרויסן, זיינען באַלויכטן און באַשיינען די פּרעכטיקע געביידע אויף קילאָמעטער ווייט.

די קלאַנגען פון אַ שיינער קלאַסישער מעלאָדיע שאַפן באַלד אַ הייטערע שטימונג צווישן די קאָנוואַלעסצענטן יום־טובדיק געקליידט און צווישן די געסט, וואָס הויבן אָן אָנצוקומען צווישן 7 און 8 אָוונט.

צווישן זיי געפינען זיך אַ גרעסערע צאָל פריינט, וועלכע זיינען אויף וואַקאַנס אין לעווענס, און דער ביוראָמיטגליד סאַלאָמאָן ווייצמאַן, וואָס פאַרטרעט, אויף דער פייערונג, דעם ייִדישן קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד.

9 אַזייגער ווערט געעפנט דער גרויסער פאַרוויילונגס־זאַל פון „לאַריע־ראָז", ווו עס זיינען צוגעגרייט געוואָרן טישן מיט כלערליי מאכלים און געטראַנקען. די קאָנוואַלעסצענטן, אויסגעמישט מיט די אויסערלעכע געסט אונטערהאַלטן זיך פריינטלעך, טרינקען אַ לחיים, בייסן צו און כאַפּן זיך אפילו צו אַ טענצל.

אין אַ געוויסן מאָמענט ווערט די מוזיק אָפּגעשטעלט און עס ווערן אָרגאַניזירט קאָלעקטיווע שפּילן, בעת וועלכע דער עולם „האַלט זיך ביי די זייטן" פון געלעכטער.

פּינקטלעך 12 אַזייגער, ווען עס שלאָגט די שעה פון נייעם יאָר — דאָס יאָר 1972 — ווינטשען זיך אַלע קעגנזייטיק אַ גוט יאָר, פון געזונט און שלום.

דער ייִנגסטער קאָנוואַלעסצענט, לעווי, אַ סטודענט, זאָגט אַ פּאָר ווערטער, כדי צו באַגריסן די אָנוועזנדיקע און זיי אויסצודריקן די בעסטע ניי־יאָר־ווונטשן. ער דאַנקט אין נאָמען פון די קאָנוואַלעסצענטן די גרינדער פון הויז, דעם ייִדישן קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד, דעם דירעקטאָר נ. סאַפּיר און דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פון דעם הויז.

אַ גלענצנדיקער אָוונט, וואָס סיי די פּענסיאָנערן, סיי די איינגעלאַדענע געסט וועלן לאַנג, לאַנג געדענקען.

לייבל גרינבערג

# די אנדענק־צערעמאָניע קומט פאַר זונטיק דעם 4־טן יוני אויף באַניע



N° 134 Février (4)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

AVRIL 1972 - N° 135 Bimestriel

# Notre Volonté

Bulletin de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs 1939-1945

58, rue du Château-d'Eau - PARIS-X° - Tél. : 607-49-26

Réservez la date du

**DIMANCHE 4 JUIN 1972, à 10 h. 30**

pour la

## Cérémonie du Souvenir

en hommage à nos morts, qui aura lieu devant notre Monument au cimetière de Bagneux

*Le 27 février dernier, à la Mairie du XI° Arr.*

## Grande assistance à notre Assemblée Générale

*L'Assemblée Générale de notre Union, qui s'est tenue dimanche 27 février à la mairie du 11° arrondissement, fut une belle manifestation de fidélité de nos adhérents à leur organisation, ainsi qu'une démonstration de l'activité fructueuse de l'Union en faveur des Anciens Combattants Juifs.*

*Dès 9 heures du matin, des groupes se sont formés dans les couloirs. Des camarades du même régiment ou qui avaient souffert et combattu dans le même stalag, contents de se retrouver, ont échangé des souvenirs. La table située près de l'entrée a été très entourée par des membres payant leurs cotisations ou achetant notre livre-anniversaire.*

*C'est devant une assemblée de plusieurs centaines de personnes que notre président, B. PONS, a ouvert l'Assemblée Générale. Dans un silence serein, coupé de temps en temps par des applaudissements approbateurs, nos adhérents ont écouté son allocution, ainsi que le rapport d'activité de notre secrétaire général, Isi BLUM, nourri des faits reflétant l'activité multiforme de notre Union.*

*Nos amis JUTTNER de Nice et ZYLBERBERG de Saint-Quentin ont apporté les salutations de leurs sections à notre Union.*

*Notre trésorier, Léon SALAMON, a rendu compte de la situation financière de l'Union ; au nom de la Commission de Contrôle, GERSTNER a apporté l'approbation à la gestion financière.*

*De nombreux camarades ont pris part à la discussion, notamment Ilex Beller, G. Szulc, M. Szuster, Lublin, Ritwas, Grol.*

*Le président d'honneur de l'Union, J. Fridman, a lu le projet de la résolution qui a été adoptée à l'unanimité.*

*De même a été adoptée à l'unanimité la liste des membres du nouveau comité directeur, présentée par le président B. PONS.*

*Une atmosphère d'amitié et de cordiale fraternité régnait au cours du vin d'honneur qui a terminé cette belle réunion de la grande famille des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs que constitue notre Union.*

(Voir compte rendu en page 2.)

***Notre Union adresse ses meilleurs vœux de prospérité et de paix à l'Etat d'Israël à l'occasion de son 24° anniversaire.***

Pour l'extradition du criminel de guerre Klaus Barbie

## Manifestation devant l'Ambassade de Bolivie




(Voir page 4 l'article de H. Bulawko)

## Notre Tombola Annuelle

*La campagne annuelle de souscription au profit de nos œuvres sociales et pour la forêt en Israël vient de commencer. Nos camarades recevront, comme par le passé, des cartes de soutien et nous sommes convaincus qu'ils répondront favorablement à notre appel.*

*Nous publions ici la liste des lots de la tombola à laquelle participeront tous les détenteurs de ces cartes de souscription.*

*Le tirage aura lieu publiquement le 21 juin 1972.*

LISTE DES LOTS

2 voyages en Israël

2 voyages de 3 jours à Nice

1 Téléviseur

1 Magnétophone

1 Electrophone

5 Transistors

5 rasoirs électriques

3 moulins à café

10 Montres-Bracelet

5 Briquets

5 Services de table (nappe et 12 serviettes)

5 services à thé brodés main

5 parures de lit

20 disques de musique classique

50 Livres Français et Yddich

## Rencontre du Racisme Hier et Aujourd'hui

Les Editions PAYOT publient la quatrième édition entièrement refondue, de l'ouvrage de Pierre PARAF sur le *Racisme dans le monde* qui obtint dès sa parution le prix AUDIFRED de l'Académie des Sciences Morales et Politiques.

Notre ami a tenu à réserver à *Notre Volonté* ce chapitre inédit de son livre.

(Voir 3° page)

**15 AVRIL :**

## Journée des A. C. pour la Paix

A l'issue de la « Rencontre européenne d'Anciens Combattants pour la paix, la sécurité, la coopération et l'amitié » qui s'est réunie à Rome du 18 au 20 novembre 1971, le secrétariat de la rencontre avait reçu mission de préparer la proclamation de l' « *Appel de Rome* » au cours d'une journée unique pour tous les pays du continent.

Cette » *Journée des Anciens Combattants, Résistants et Victimes de Guerre d'Europe, pour la paix, la sécurité, la coopération et l'amitié* » a été fixée au 15 avril prochain.

Ainsi, le même jour, alors que l'Appel de Rome sera remis aux plus hautes autorités de chaque Etat, les anciens combattants et victimes de guerres se réuniront dans les villes et villages, toutes catégories confondues, pour entendre et soutenir l'Appel de Rome et le remettre aux autorités administratives locales et départementales.

Notre Union est en deuil

## *Gromb-Kenig est mort*

**Gromb - Kenig, vice - président d'honneur, vient d'être brutalement arraché à la vie à l'âge de 61 ans.**

**Engagé volontaire pour la durée de la guerre, il fut versé au 22° RMVE. Après une brève période d'exercices militaires il remonte, avec son unité, en ligne et après de rudes combats au cours desquels de nombreux camarades laissèrent leur vie, Gromb-Kenig est fait prisonnier le 6 juin 1940 dans la Somme.**

**Au stalag IB, où il passe cinq années derrière les barbelés, il est un des organisateurs de la résistance parmi les captifs.**

**Dès son retour en France, en 1945, il donne son adhésion à notre Union et, élu à sa direction, il contribue efficacement au développement, à la cohésion et à la prospérité de notre Association. Corédacteur de Notre Volonté, il a fait partie du jury du Prix Maurice Vanikoff.**

**Durant les 25 années de son action au sein de l'Union, il a su gagner la sympathie de tous y compris de ceux qui ne partageaient pas toujours ses convictions politiques.**

**Avec la disparition de Gromb-Kenig, nous avons perdu un grand ami, un défenseur infatigable de**



**notre Union et de la cause des Anciens Combattants et Victimes de Guerre. A son épouse, à ses enfants, nous exprimons ici nos condoléances attristées.**

## Le 10 juin 1972 : Journée Nationale des Anciens Combattants et Victimes de Guerre

*Le comité national de liaison des A.C. et V.G. communique :*

« Des lois qui ne sont pas appliquées, des droits solennellement reconnus qui ne sont pas respectés, des demandes justifiées qui ne sont pas satisfaites, ou si peu, des promesses, enfin, qui ne sont pas tenues, ont créé une situation regrettable dénoncée en vain chaque année, par ceux qui ont souffert des guerres.

« Le mécontentement, plus profond qu'apparent, va s'amplifiant dans le monde combattant français.

« C'est pourquoi, le "Comité National de Liaison" représentatif de plus de trois millions d'anciens combattants et victimes de guerre, a été conduit à lancer une grande Campagne d'Information au cours de laquelle il en appellera à l'opinion en même temps qu'aux Pouvoirs Publics, à leur sens de la justice et de l'équité.

« Cette campagne sera notamment marquée *le samedi 10 juin 1972* par une "*Journée nationale des Anciens Combattants et Victimes de Guerre*" caractérisée par des rassemblements départementaux ou régionaux.

« Toutes les générations du feu s'y retrouveront unies dans une commune détermination de défendre le droit à réparation de ceux à qui la France doit d'être encore un grand pays. »

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Avril 1972 p. 2

# NOTRE ASSEMBLÉE GÉNÉRALE

## • L'allocution de B. PONS

**Il m'incombe la triste tâche de faire l'énumération de nos adhérents disparus au cours de l'année. La liste est, hélas, longue.**

**Il y a 12 jours, c'est notre vice-président d'honneur, Gromb-Kenig, qui nous quittait, terrassé par une crise cardiaque.**

**Deux faits ont particulièrement marqué l'activité de notre organisation au cours de l'année 1971 : l'un est l'édition et la diffusion de notre livre-anniversaire, qui a fait ressortir d'une manière originale la participation des Juifs de France d'origine étrangère à la lutte contre l'Allemagne hitlérienne.**

**Le deuxième fait marquant est notre participation à la Conférence européenne de Rome pour la paix, la sécurité et l'amitié entre les peuples.**

**Notre présence à cette rencontre soulignait le désir des Anciens Combattants Juifs d'agir chaque fois, lorsqu'il est question de défendre la paix.**

**Notre présence à la Conférence européenne, notre participation active aux débats au sein de la délégation française a contribué à accroître davantage encore le prestige de notre Union auprès du monde ancien combattant.**

**Nous ne cachons pas notre satisfaction profonde de voir le cessez-le-feu entre Israël et l'Egypte établi le 5 août 1970, se prolonger. Depuis cette date, en effet, nous n'avons heureusement pas de nouvelles victimes à déplorer. Gardons donc l'espoir que la voie de la négociation sera finalement trouvée et que la paix sera rétablie dans cette région du monde si vulnérable.**

**Je suis certain que l'Assemblée de ce matin approuvera la décision de notre comité d'augmenter substantiellement en 1972 le versement annuel au K.K.L. au profit de notre forêt en Israël qui va bientôt compter 30 000 arbres.**

**Nous sommes évidemment restés très attentifs et vigilants face à la remontée du nazisme et de l'antisémitisme.**

**Nous avons réagi contre des faits s'étant produits en France et en dehors de ses frontières.**

**Nous ne pouvons pas rester indifférents lorsqu'un DOMB-TREPPER, le chef de « l'Orchestre Rouge », un homme qui, toute sa vie durant a été un combattant antifasciste éprouvé, âgé et malade, se voit interdire sa sortie de Pologne pour aller rejoindre ses trois fils à l'étranger.**

**Soyons unis pour mieux poursuivre notre tâche.**

## LE COMITÉ DE PATRONAGE DE NOTRE CÉRÉMONIE DU SOUVENIR

M. Henri DUVILLARD, Ministre des Anciens Combattants et Victimes de Guerre

MM.

Lucien BEGOUIN, Président de l'U.F.A.C.

Paul MANET, Président honoraire de l'U.F.A.C.

H. BIALER, Président de l'Union des Artisans Juifs.

Me André BLUMEL, Avocat à la Cour.

Jean PAUL-BONCOUR, ancien Président du Conseil.

Louis de BROGLIE, Membre de l'Institut de France et de l'Académie des Sciences.

Pierre BUGEAUD, Président de l'Association des A.C.P.G. de Paris.

H. BULAWKO, Président de l'Association des Anciens Déportés Juifs.

René CASSIN, Président de l'Alliance Israélite Universelle, Prix Nobel de la Paix.

Marc CHAGALL.

Joseph KESSEL, de l'Académie Française.

Me Charles LEDERMAN, Président de l'U.J.R.E.

LIBMAN, Président des Engagés Volontaires Juifs de 1914-1918

MAFINI, Président de l'U.G.E. V.R.E.

Mme Maxa NORDAU, Artiste-peintre.

Me Etienne NOUVEAU, vice-président de l'U.F.A.C.

Pierre PARAF, Président du M.R.A.P.

Maurice PFEIFFER, Président de l'U.D. de l'U.F.A.C. de la Seine.

Jean PIERRE-BLOCH, Ancien Ministre, Président de la LICA

SADENFIS, Président de l'USJF

Profes. Adolphe STEEG, Président du C.R.I.F.

André TOURNE, Président de l'A.R.A.C.

Pierre VILLON, Président de l'Association Nationale des Anciens Combattants de la Résistance.

## Notre porte-drapeau J. HAITMAN à 70 ans

**Pour des raisons indépendantes de notre volonté, nous avons fêté avec un certain retard le 70e anniversaire de notre porte-drapeau, Joël HAITMAN.**

**En évoquant cet événement, notre président a souligné les grands mérites de Haitman et son immense dévouement à la cause de notre Union.**

**Il lui a souhaité, au nom de nous tous, longue vie et bonne santé.**

## Nos peines

Nous présentons nos condoléances attristées aux familles de nos camarades décédés :

FLAKSER Moschek.
MALACHOVIC Lejbus.
MARCUS Pierre.
SOBERMAN Moszek.
HERZIG Fajwel.
LANDSBERG Jacques.
KRONENBERG Jacques.



## • Le rapport d'activité par Isi BLUM

1971 n'a pas été une année chômée pour notre Union. L'activité a connu son rythme habituel et même renforcé dans certains cas.

Le temps qui m'est imparti est trop limité pour que je puisse m'étendre sur les détails et de ce fait le rapport d'activité sera forcément incomplet.

Notre souci majeur pour cette période a été, comme par le passé, la défense des intérêts et des droits de nos camarades. Fidèle à ses principes de toujours, notre Union est à la disposition de chaque ancien combattant, de chaque victime du nazisme.

Nos bureaux reçoivent de nombreuses personnes tous les jours. Elles viennent demander un conseil, éventuellement constituer un dossier, et souvent pour demander d'effectuer une démarche dans les administrations.

Nos camarades et amis viennent chez nous avec confiance, sachant qu'ils trouveront un accueil chaleureux, des réponses sérieuses et mûrement réfléchies.

C'est pourquoi, nos permanences juridiques concernant les indemnités allemandes, ou bien celles concernant la retraite professionnelle, ou encore les pensions de guerre, connaissent un succès croissant.

En ce qui concerne la défense des droits en général, pour l'application correcte du rapport constant, pour la retraite à 60 ans aux anciens prisonniers de guerre, pour la revalorisation des pensions de guerre, pour la retraite du combattant à plein taux, au même titre que pour ceux de 1914-18, pour la levée de toutes les forclusions, pour la carte du combattant aux anciens d'Algérie, pour que le 8 Mai soit reconnu jour férié et chômé au même titre que le 11 Novembre, etc., pour toutes ces revendications, nous sommes avec le monde combattant du pays qui mène un combat rude et incessant en faveur des victimes de guerre.

***

Nous accordons depuis toujours une place très importante de notre activité au travail social.

Mais avec l'âge qui fait son œuvre, avec les maladies qui s'y ajoutent, nos camarades sont de plus en plus nombreux à avoir besoin d'un appui, d'un réconfort, d'un geste de solidarité.

Nos camarades chargés de ce travail font le maximum d'efforts pour répondre, dans la mesure du possible, aux désidérata des plus déshérités.

En rendant hommage aux membres de la commission qui accomplissent cette tâche avec tant d'amour, nous devons envisager d'augmenter encore le nombre de ces militants dévoués.

Notre maison de convalescence « les Lauriers Roses » qui a commencé sa 8e année d'existence, est désormais connue dans toute la France et sa renommée ne fait que croître. Les centaines de personnes — juives et non juives, appartenant à toutes les confessions et à toutes les couches sociales — ayant séjourné à Levens, sont parties pleines d'admiration pour notre établissement.

Le succès croissant de l'Amicale des « Anciens de Levens » qui groupe plus de 600 membres désirant maintenir l'esprit de camaraderie et de fraternité confirme la bonne réputation des « Lauriers-Roses ».

Nous avons toujours estimé qu'il était de notre devoir de maintenir vivace le souvenir de nos morts. Qu'il nous incombait à nous, les survivants, de rappeler sans cesse la raison de leur sacrifice.

C'est ainsi que nous continuons à organiser les cérémonies du souvenir devant notre Monument au cimetière de Bagneux pour exalter l'héroïsme des volontaires juifs tombés au champ d'honneur.

Nous sommes toujours présents également à toutes les manifestations d'Anciens Combattants tendant à rendre hommage aux combattants morts pour la France.

Nous sommes présents évidemment à la commémoration de l'insurrection glorieuse du ghetto de Varsovie.

Inutile d'ajouter que nous avons répondu présents à l'appel du Comité qui s'est chargé d'ériger un monument à Drancy, à l'endroit même de l'ancien camp tristement célèbre par l'internement et la déportation vers les chambres à gaz de plus de 100 000 Juifs de France.

**

Nous assistons, 27 ans après la fin de la Seconde Guerre mondiale, à la recrudescence un peu partout de l'antisémitisme, de la xénophobie, du racisme. Nous assistons à la resurgence du nazisme.

Nous devons rester vigilants et agir davantage contre l'antisémitisme en France, ainsi qu'en dehors de notre pays ; nous devons réagir PARTOUT où l'antisémitisme et la discrimination antijuive se manifestent, sous quelque forme que ce soit.

Au cours de la dernière période, nous avons assisté à des faits qui ont montré à quel point la recherche et le châtiment des criminels de guerre étaient toujours d'actualité.

L'affaire Klaus Barbie a fixé à nouveau l'attention de l'opinion publique mondiale sur les criminels de guerre qui se promènent librement dans certains pays du monde.

Sur ce sujet, l'unanimité s'est créée heureusement entre toutes les organisations de la Résistance.

Le meeting de protestation du 30 novembre dernier à l'Hôtel Moderne, pour la recherche et le châtiment des criminels de guerre, a été une éclatante démonstration d'union.

En effet, étaient présents sur la même tribune, Marie-Madeleine Fourcade, Mme Mirande-Laval, Jean-Pierre Bloch, Pierre Villon, Marcel Paul, J.-P. Lévy, etc.

La sauvegarde de la paix dans le monde, la solution des conflits en cours ne cessent de préoccuper le mouvement ancien combattant.

Les Anciens Combattants Juifs, toutes les victimes du nazisme qui ont particulièrement souffert de la guerre, aspirent profondément à la paix. C'est pourquoi, notre Union est partout présente lorsqu'il s'agit de défendre la paix. Elle fait siennes les motions de l'U.F.A.C. demandant l'arrêt des hostilités partout dans le monde, préconisant le règlement des conflits par la voie pacifique, comme elle appuie toutes les initiatives pour le désarmement général.

C'est pourquoi, nous avons répondu présent à l'invitation de participer à la rencontre européenne pour la paix, la sécurité et l'amitié, qui s'est tenue à Rome du 18 au 20 novembre dernier. La rencontre de Rome a été un événement d'une très grande portée.

Dans l'appel solennel adopté avec enthousiasme par l'ensemble des délégués, il est dit entre autres que la paix et la sécurité ne pourront être durables que si tous les Etats européens « mettent hors-la-loi toute forme de racisme et toute doctrine de haine religieuse ou nationale entre les hommes et entre les peuples ».

Nous participerons, bien entendu, aux manifestations qui seront organisées par les associations françaises d'anciens combattants, dans le cadre de la journée du 15 avril afin de populariser l'appel de Rome dans tous les pays européens.

**

Depuis 1947, notre Union n'a cessé d'exprimer son soutien aussi bien moral que matériel à Israël.

Il existe certes parmi nos camarades des divergences de vues quant à la manière d'agir pour parvenir au règlement du conflit qui oppose l'Etat d'Israël à ses voisins arabes. Quoi de plus naturel que chacun voit le problème à sa façon. Mais nous nous efforçons, les uns et les autres, étant TOUS des amis fervents d'Israël, désirant voir ce pays prospère et heureux, nous nous efforçons d'écarter les questions politiques, ceci étant du domaine du pays et de son peuple. Ce que nous désirons tous ardemment, c'est de voir au plus tôt ouverte la voie de la négociation et l'aboutissement à un règlement négocié, de voir la paix s'instaurer dans le Proche-Orient entre Israël et ses voisins arabes pour le plus grand bien des peuples concernés.

Notre soutien à Israël s'exprime également matériellement. C'est ainsi que nous avons versé en 1971 la somme de 12 500 F. En outre, nous avons effectué un versement de 5 500 F en faveur de la coopérative de tricoteurs constituée à Tel-Aviv par de nouveaux immigrés arrivés de Pologne.

**

Notre livre-anniversaire a suscité non seulement un intérêt très vif, mais encore beaucoup d'admiration dans tous les milieux juifs et non juifs.

Notre journal périodique, seule publication d'anciens combattants juifs, paraît régulièrement tous les deux mois. Dernièrement, nous avons décidé de le rendre plus intéressant en augmentant le nombre de pages, surtout en yidich, et en introduisant de nouvelles rubriques intéresant nos lecteurs. Les échos qui nous sont parvenus sont encourageants.

L'encaissement des cotisations, vous aurez tout à l'heure les chiffres, est très satisfaisant.

Les résultats de la tombola de l'année 1971 ont dépassé nos espoirs.

La Mutuelle qui groupe plus de 100 familles mène une activité intense.

Notre bal annuel a connu un vif succès, bien que la date du 11 décembre ne nous ait pas été très favorable.

Tous ces succès, nous les devons à nos camarades militants qui se dévouent corps et âme tout au long de l'année, à tous nos adhérents qui répondent toujours présent à nos appels, manifestant ainsi leur attachement indéfectible à l'Union.

Notre Union répond présent chaque fois qu'elle est sollicitée pour une subvention lorsque notre direction l'estime valable et utile.

C'est ainsi que nous avons versé 2 500 F pour le Théâtre Yidich, 500 F pour la Chorale populaire juive, 500 F pour les enfants réfugiés du Bengale.

Nous avons également versé 500 F pour chacune des organisations antiracistes, la LICA et le MRAP, estimant qu'elles faisaient un travail utile dans la lutte contre l'antisémitisme.

Pour poursuivre notre action, toujours au profit des anciens combattants juifs et des victimes du nazisme, restons étroitement unis aujourd'hui comme nous l'étions hier sur les champs de bataille ou dans les camps, comme nous le sommes depuis 26 ans au sein de notre grande et belle association.

## NOTRE INTERVENTION EN FAVEUR DE DOMB-TREPPER

**Nous reproduisons ici le texte de la lettre que nous avons envoyée à l'Ambassade de Pologne à Paris.**

« Les Anciens Combattants Juifs, engagés volontaires de France, qui ont pris une part active dans les combats contre l'hitlérisme, sur tous les fronts de la guerre de 1939-1945, groupés au sein de notre Union, ne peuvent rester indifférents devant la grande injustice dont est victime DOMB-TREPPER.

Cet homme, universellement connu comme le chef de « L'orchestre rouge » a, toute sa vie durant, lutté contre le fascisme pour la liberté.

Il est âgé et malade et désire quitter la Pologne pour aller rejoindre ses enfants à l'étranger. Invoquant le motif de la raison d'Etat, la réalisation de ce désir lui est refusée.

Certains de traduire le sentiment de tous les Anciens Combattants et Résistants, nous demandons au Gouvernement polonais de réviser sa décision injuste et inhumaine.

Dans l'espoir de vous lire à ce sujet, nous vous prions d'agréer... »

Le Président : **B. PONS.**

Le Secrétaire général : **I. BLUM.**

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Avril 1972 p. 3

# Pour le monument de Drancy

ער לאָזט זיך פערזענלעך אין אַ רייזע איבער די ייִדישע קהלות אין די פאַרשידענע לענדער אין קליין־אַזיע. ער טרעט אַרויס מיט פלאַמיקע דרשות קעגן רוים און זיין געוואַלט־אַפּאַראַט, ער וועקט גלויבן אין זיג פון אַ נייעם, גרויסן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער ענטוזיאַזם פון די ייִדן דריקט זיך אויס נישט נאָר אין ווערטער, נאָר אין קאָנקרעטער, מאַטעריעלער הילף.

דער אַנאַליטישער געדאַנק פון רבי עקיבא נעמט אַרום די אַלגעמיינע סיטואַציע אין דער רוימישער אימפּעריע

ער זעט די פאַרביטערונג ביי אַלע אונטעריאָכטע — ביי די סיריער, מיצריער, פּאַרטן, גאַללען, שומרונים, סירעניייקער. ער פילט דעם האָס און דעם ווייטאָק פון מיליאָנען פאַרשקלאַפטע. און ער זעט ווי ס'וואַקלט זיך דער גאַנצער סיסטעם געבויט אויף געוואַלט און אונטערדריקונג. און גאַנץ רעאַל גלויבט ער אין אַ צונויפגוס פון אַלע פרייהייטס־שטראָמען אין איין מעכטיקן שטראָם, וואָס מוז אָפּווישן און פאַרניכטן די פאַרהאַסטע, אומדערטרעגלעכע רוימישע אימפּעריע מיט איר שקלאַפישער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

רבי עקיבא איז דאָן געווען דער גייסטיקער פירער פון פאָלק, ער האָט אויסגעדריקט זיינע שטרעבונגען און טרוימען. גאַנץ אַנדערש איז געווען די שטעלונג פון רבי יוחנן בן תורתא. ער וואַרפט אָפּ דעם גלויבן אין זיג. ער דראָט מיט רוימס מיליטערישער קראַפט און נקמה. ער רופט צו גלויבן אין די הבטחות פון רוימישן קייסער און סענאַט. זיין שטים איז די שטים פון די שיכטן פאַר וועלכע פרייהייט איז רייכטום און ווילטאָג, אפילו פאַרן פּרייז פון מיטאַרבעט מיט דעם שונא פון אייגענעם פאָלק.

אָבער די צענטראַלע פיגור פון אויפשטאַנד ווערט אַן אומבאַקאַנטער יונגער ריז — שמעון בר כוכבא. אין פיל היסטאָרישע ווערק (נישט יידישע) ווערט ער פאַרגליכן צו האַניבאַל דעם רומפולן קאַרטאַגענישן קריגס־פירער, וועלכער האָט שיער נישט פאַרניכטעט רוים 11). אַרום זיין פּערזאָן גייט ביז היינט אַן אַ וויכוח. זיין פּאַקטישער נאָמען זאָל געווען זיין שמעון בר כוזיבא (שמעון פון דער שטאָט כוזיב). רבי עקיבא זאָל אים האָבן אַ נאָמען געגעבן בר־כוכבא, וואָס באַדייט „דער שטערן־זון" 12). ס'איז אַ ספק צי רבי עקיבא האָט געזען אין בר־כוכבאן אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט און פעיִקן קריגס־פירער. זיין פראַכטפולער פיזישער געבוי פון אַ ריז, זיין רויִקייט און אַנאַליטישער געדאַנק, זיין גלויבן און ענטוזיאַזם זענען געווען די צוגאָב־אַטריבוטן, וועלכע האָבן גורם געווען, אין דער דעמאָלטיקער אַטמאָספער פון דערוואַרטונג אויף אַן אויסלייזער, צו זען אין אים די געשטאַלט פון משיח.

געוויסע היסטאָריקער זעען אין בר־כוכבא־אויפשטאַנד די ערשטע משיחישע באַוועגונג ביי ייִדן.

1) אין דער אַלגעמיינער געשיכטע הייסט ער וועספּאַזיאַנוס.

2.) באַקאַנט אַלס Arco di Tito, — ווייל ער איז אויפגעבויט געוואָרן צום

(סוף אויף זייט 5



nº 134 Avril 1972

(2)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# אפריל 1943 – אפריל 1972
## 29-טער יארטאג פון העראאישן אויפשטאנד
## פון ווארשעווער געטא

אין מאָנאַט אַפּריל וועלן די ייִדן אין דער וועלט פייערן דעם 29־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען, דעם 19־טן אַפּריל 1943, איז אין וואַרשעווער געטאָ, פון דעם האַלבן מיליאָן ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען אין 1940, געבליבן בלויז די קליינע צאָל פון 40 טויזנט נפשות. די איבעריקע זיינען אויסגעשטאָרבן אין געטאָ פון הונגער און פון פאַרשידענע מגפות, דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט דורך די דייטשן און די גרעסטע צאָל (אַרום 300 טויזנט) זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן, אָבער די לעבן־געבליבענע זיינען געווען דעצידירט אויפצונעמען דעם קאַמף מיט געווער אין דער האַנט קעגן דעם נאַצישן שונא.

אָפּגעשוואַכט פון אונטערדערנערונג, שלעכט באַוואָפנט, אָפּגעזונדערט פון דער אויסערלעכער וועלט דורך די הויכע געטאָ־מויערן, האָבן די העלדן פון געטאָ-אויפשטאַנד אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים געפירט אַ האָפענונגלאָזן, אָבער העלדישן קאַמף קעגן די גוט־באַוואָפנטע ס.ס.־אָפּטיילונגען. די דייטשן, דערשטויגט און דערנידעריקט דורך דעם ווידערשטאַנד פון די ייִדישע „אונטערמענטשען” קעגן די עליטע-אָפּטיילונגען פון „העררן”־פאָלק, האָבן באָמבאַרדירט דעם געטאָ מיט קאַנאָנען פון דער ערד און מיט ציננד־באָמבעס פון דער לופט. דער געטאָ האָט געברענט, אָבער די ווידערשטענדלער האָבן געקעמפט אויף די טרעפּן פון די ברענענדיקע הייזער, געשפּרונגען דורך די פלאַמען פון איין הויף אין צווייטן. זיי האָבן פאַרגעזעצט דעם קאַמף אין די בונקערס און קאַנאַלן, דורך וועלכע טויזנטער מענטשן האָבן געפּרוווט זיך צו ראַטעווען.

די גאַנצע וועלט האָט אין די מאָנאַטן אַפּריל, מאַי און נאָך שפּעטער, געוואָנדן אירע בליקן אין דער ריכטונג פון וואַרשע, ווו דאָס הייפעלע העלדן האָט געקעמפּט אין דעם אויסזיכטלאָזן קאַמף. די גאַנצע וועלט האָט באַוווּנדערט זייערע אויפטוען, קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע. דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער מאַסנהאַפטער באַוואָפנטער אויפשטאַנד אין אַ גרויסן שטאָטישן צענטער אין אייראָפּע קעגן די דייטשע אָקופּאַנטן. די אויפשטאַנדן פון דער וואַרשעווער און פּאַריזער באַפרייונג זיינען פאַרגעקומען ערשט מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער, אין אויגוסט 1944.

ווען די באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פון די אויפשטענדלער זיינען דורך דער איבערוויגנדיקער קראַפט פון שונא צעשלאָגן געוואָרן, האָבן איינצלנע קעמפער, אָדער קליינע גרופּן, פאָרגעזעצט באַוואָפנטע אַקציעס ביז סעפּטעמבער 1943.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון פרייהייט-קאַמפן, וואָס אונדזער פאָלק האָט געפירט, אָנהייבנדיק פון די אויפשטאַנדן פון די חשמונאים און בר-כוכבא צום סוף פון אַלטערטום, דורך די באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־קאַמפן פון די ייִדן אין די געטאָס אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד קעגן די אָנגריפן פון די קרייצציגלער. זיי האָבן פאָרגעזעצט די טראַדיציעס פון די ייִדן אין פראַנקרייך, וואָס האָבן געשאַפן אָפּטיילונגען פון פרייוויליקע, כדי אָנטיילצונעמען אין דער אַרמיי פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און שפּעטער אין דער קאָמונע; פון די ייִדן אין פוילן, וואָס האָבן געקעמפט ביי דער זייט פון קאָשטשושקאָ, בעת די אויפשטאַנדן פון 1831 און 1863 און אין 1905 קעגן דעם צאַרישן אָקופּאַנט; פון די יידן, וואָס האָבן אין די אונדזער נאָענטע צייטן אָנטייל גענומען אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע.

מיט זייער העלדישן קאַמף האָבן די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ געדינט אַלס ביישפּיל די ייִדן אין אַנדערע געטאָס, ווי אויך אין די טויט־לאַגערן. זיי האָבן צוגעגעבן מוט די ייִדן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין אַלע אָקופּירטע אייראָפּעיִשע לענדער אין ווידערשטאַנד-קאַמף קעגן די נאַציס. אין פראַנקרייך האָט דער ייִדישער ווידערשטאַנד זיך פאַרשטאַרקט נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. זייער העלדישקייט האָט אויך געדינט אַלס ביישפּיל פאַר דער הגנה, וועלכע האָט געפירט אַ קאַמף אין פּאַלעסטינע פאַר דער שאַפונג פון אַ ייִדישער מלוכה.

דאָס פייערן דעם אָנדענק פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ קומט פאָר אין אַ מאָמענט ווען די אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „אָרדר נוווא”, הייבן אויף דעם קאָפּ און פּרוּוון פירן אַ לעגאַלע טעטיקייט, ווען די עמפּערונג פון דער גאַנצער פראַנצויזישער באַפעלקערונג איז גרויס צוליב דעם, וואָס דער שעף פון דער געשטאַפּאָ אין ליאָן. באַרביע, וועלכער לעבט רויִק אין באָליוויע אונטערן נאָמען פון אַלטמאַן, איז נאָך נישט עקסטראַדירט געוואָרן טראָץ די פּילצאָליקע אינטערווענצן. און וויפיל אַנדערע נאַצישע הענקער זיינען נאָך נישט באַשטראָפט געוואָרן ?

אין פאַרשידענע לענדער באַווייזן זיך טענדענצן צו „פאַרגעסן” די נאַצי־פאַרברעכנס.

די געטאָ־פייערונגען דאַרפן אויסגענוצט ווערן, כדי צו דערמאָנען דער וועלט, אַז מען טאָר נישט פאַרגעסן די נאַצי־פאַרברעכנס. מען דאַרף זיין וואַכזאַם, כדי עס זאָלן זיך נישט איבערחזרן די גרוילטאָטן פון דער לעצטער מלחמה.

אייביקער רום די לעגענדאַרע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ !

לואי לערמאַן

## אונדזער וויצע-פרעזידענט
# גראמב-קעניג
## מער נישטא

ווי באַוווּסט איז דער וויצע־פּאַרזיצער פון ייִדישן קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד און איינער פון זיינע מיטבוֹיער, ג. קעניג גראַמב פּלוצלינג געשטאָרבן דעם 14־טן פעברואַר 1972...

אונדזער פאַרבאַנד האָט אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעדריקט זיין טרויער צוליבן שווערן פאַרלוסט און זיינע מיטגעפילן די אין טרויער־געבליבענע פרוי און קינדער.

ביים אָפענעם קבר פון ג. ק ע נ י ג־ג ר אַ מ ב האָט אין נאָמען פון אונדזער פאַרבאַנד געזעגנט דעם פאַרשטאָרבענעם א י ל ע ק ס ב ע ל ע ר, וועמענס רעדע מיר ברענגען דאָ.

אין נאָמען פון ייִדישן קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד, ווו דו ביסט, טייערער חבר קעניג, געווען וויצע־פרעזידענט, אין נאָמען פון די הונדערטער פון אונדזערע מיטגלידער, וואָס האָבן דיך ליב געהאַט ווי אַ ברודער, בין איך באַשטימט געוואָרן דיך צו געזעגענען צו דיין לעצטן וועג.

עס איז שווער צו געפינען די ווערטער, אויסצודריקן די געפילן.

ווי אַזוי געזעגנט מען זיך מיט אַ מענטשן, וואָס איז מיר אַזוי טייער ?

ווייל פאַר אַ סך פון אונדז ביסטו געווען נישט נאָר אַ טייערער חבר, נאָר אויך אַ לערער.

דיין הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן. צופיל פון אונדזערע האָבן קראַנקע הערצער. דאָס איז דער רעזולטאַט פון פאַרפאָלגונגען, פון קריג, פון געפאַנגענשאַפט, פון דעפּאָרטאַציע, פון יאָרן פון נויט און פון הונגער.

אין יאָר 1939 ביים אויסברוך פון קריג, פונקט ווי טויזנטער אַנדערע יונגע ייִדן, אַנגאַזשירסטו זיך אַלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, זיך צו שלאָגן קעגן דעם שונא פון פראַנקרייך, און פון אונדזער ייִדישן פאָלק.

מען האָט אונדז אוועקגעשיקט אין לאַגער פון באַרקאַרעס. איך זע דיך, אין די צו גרויסע מיליטערישע קליידער, אַרומטאַפּטשען אין די זאַמדן פון לאַגער. מיט דיין אייביקן גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן, האָסטו געבראַכט האָפענונג און קוראַזש צווישן די סאָלדאַטן.

דאָס ליד, וואָס דו האָסט דאָרט פאַרפאַסט, האָבן די סאָלדאַטן געזונגען אין די שווערסטע מאָמענטן, אין די באַראַקן, און שפּעטער אין די טראַנשייען אויפן פראָנט.

אין די היסטאָרישע חדשים פון מאַי און יוני 1940, אין די רייען פון 22־טן רעגימענט פון אויסלענדישע פרייוויליקע האָסטו אָנטיילגענומען אין די שווערע שלאַכטן ביי דער סאָם, פאַר דער שטאָט פעראָן.

דאָרט זיינען געפאַלן הונדערטער פון אונדזערע בעסטע חברים.

ווען דער פאַרעטער פעטען האָט מיט היטלערן אונטערגעשריבן דעם וואַפנשטילשטאַנד, ווערסטו פאַרשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד, אין סטאַלאַג 1 ב אין מזרח-פרייסן, ווו דו פאַרבלייבסט 5 לאַנגע און שווערע יאָרן.

דו געהערסט דאָרט צו די אָנפירער פון דער רעזיסטאַנץ קעגן די פאַשיסטן.

אין 1945, צוריק אין פּאַריז, ביסטו צווישן די בויער פון אונדזער ייִדישן קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד.

אויב אונדזער פאַרבאַנד קאָן הייַנט שטאָלצירן מיט אַ סך דערגרייכונגען, אין די אינטערעסן פונעם גאַנצן ייִדישן ישוב, איז עס אַ סך אַ דאַנק דיר.

יעדעס מאָל, ווען עס זיינען אָנגעקומען מאָמענטן פון שוועריקייטן, ווען די איינהייט פון אונדזער פאַרבאַנד האָט זיך געפונען באַדראָט, האָבן מיר זיי גובר געווען, צווישן אַנדערן, אויך אַ דאַנק דיין פאַרשטענדעניש, דיין חברישער באַציאונג, און אַ דאַנק דיין טאָלעראַנץ, אויך לגבי קעגנער.

אונדזערע מיטגלידער וואָס געהערן צו אַלע פּאָליטישע ריכטונגען פון ייִדישן לעבן אין פראַנקרייך, זיינען דיר דערפאַר דאַנקבאַר.

דיינע פּאָליטישע קעגנער רעספּעקטירן דיך נישט ווייניקער ווי דיינע חברים.

דיין ליכטיקער אָנדענק וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין אונדזערע הערצער, איינגעקריצט אין זכרון פון דיינע קאַמפּס-חברים.

# וואס הערט זיך אין דער קאמבאטאנטן־וועלט ?
## (געלייענט אין דער קאמבאטאנטן־פרעסע)

### צוויי דאַטעס

אויפן טאָג-אָרדענונג פון אַלע פראַנצויזישע קאָמבאַטאַנטן - אָרגאַניזאַציעס אין 1972 שטייען צוויי וויכטיקע געשעענישן : דער טאָג פון די קאָמבאַטאַנטן פון אייראָפּע פאַר שלום, זיכערקייט און פריינטשאַפט, וועלכער וועט פאָרקומען דעם 15־טן אַפּריל און דער נאַציאָנאַלער טאָג פון די פראַנצויזישע געוועזענע פראָנט-קעמפער פאַר זייערע פאָדערונגען, וועלכער ווערט פּראָיעקטירט אויפן 10־טן יוני.

### 15-טער אפּריל: טאָג פאַר שלום און זיכערקייט אין אייראָפּע

„איר וועט פרעגן, וואָס דער דאָזיקער טאָג באַדייט ? — שרייבט די צייטונג פון די קריגס־געפאַנגענע „פ. זש.”. צי איז דאָס אַ נאַציאָנאַלע מאַניפעסטאַציע ? צי אַן אויסעראָרדענטלעכער קאָנגרעס ? צי אַלגעמיינע וואַלן ? ניין, עס איז אָבער טראָץ דעם אַ דאַטע וואָס דאַרף פאַרנעמען אַ וויכטיק פּלאַץ אין אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פון אונדזער טעטיקייט אַלס בירגער, פאַר בויען דעם שלום צווישן מענטשן און צווישן פעלקער.

אומעטום, אָנהויבנדיק פון דער קלענסטער געמיינדע, דאַרפן זיך די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס גרופּירן דעם דאָזיקן טאָג, אין פאַרלויף פון וועלכן עס וועט עקזאַלטירט ווערן דער שלום אין דער פרייהייט, דער שלום אין דער גערעכטיקייט; זיי וועלן אויך דאַרפן אַרויסווייזן אַ ביסל מער ליבשאַפט, אַ ביסל מער האַרץ, אַ ביסל מער ברודערלעכקייט לגבי די, וואָס ליידן נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג, אַלס אומשולדיקע קרבנות פון די מלחמות.

נאָכדעם וועט דער אַפּעל פון רוים ווערן פייערלעך איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט פון דעם דעפּאַרטאַמענט, דעם מער פון דער דעפּאַרטאַמענטאַלער הויפּטשטאָט, די רעליגיעזע פאַרשטייער : דעם בישאָף, רב, פאַרשטייער פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע, די מערן פון אַלע שטעטלעך און דערפער”.

### 10-טער יוני — קאַמף-טאָג פאַר קאָמבאַטאַנטן - פאָדערונגען

אין „רעוועי דע קאָמבאַטאַן” לייענען מיר :

„דאָס יאָר 1971 איז זייער רייך אין דערפאָרונגען פאַר דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט.

אפילו די צוזאָגן פון קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער זיינען שוין נישט קיין גאַראַנטיע, אַז אונדזערע פאָדערונגען וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט. דאָס איז למשל נוגע דער פראַגע פון שטופנווייזן העכערן, אָנהייבנדיק פון דעם יאָר, די רעטרעט פון די קאָמבאַטאַנטן פון דער לעצטער מלחמה. די העכערונג פון זייערע רענטעס פון 35 פראַנק אַ יאָר אויף 70 פראַנק וואָלט אויסגעמאַכט 6 מיליאָן פראַנק, וועלכע באַדייטונג האָט דאָס פאַרן אַלגעמיינעם מלוכה-ביודזשעט ?

אַן אַנדערע לעקציע איז געווען די האַלטונג פון די דעפּוטאַטן בעת דער דעבאַטע איבערן קאָמבאַטאַנטן־ביודזשעט. אפילו אַ געוויסע צאָל דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן פון רעגירונגס־לאַגער זיינען געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוהאַלטן, אָדער צו שטימען קעגן, אַזוי שרייענדיק איז געווען די אומגערעכטיקייט. דאָס דאַרף אויסגענוצט ווערן הייאָר, וואָס איז אַ יאָר פאַר די וואַלן.

דורכן ביוראָ פון או. פ. א. ק. און שפּעטער דורכן פאַרבינדונג-קאָמיטעט איז איינשטימיק אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַקציע־פּלאַן. עס וועלן פאָרקומען דעמאָנשן אין די פּאַראַיִנטערעסירטע מיניסטעריומס. עס וועלן אָנגענומען ווערן מאַסמיטלען, כדי צו באַקומען די אונטערשטיצונג פון דער געזעלשאַפטלעכער עפנטלעכקייט.

דאָס אַלץ וועט געקרוינט ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלן טאָג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויפן אַכטן יוני. דעם דאָזיקן טאָג וועלן פאָרקומען, ווו עס וועט נאָר זיין מעגלעך, אין דער זעלבער שעה, רעגיאָנאַלע און דעפּאַרטאַמענטאַלע פאַרזאַמלונגען”.

### וועגן די פייערונגען פון 8-טן מאַי — ווענדונג צו די סינדיקאַטן

ווי באַוווּסט פאָדערן די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס זייט לאַנגע יאָרן, אַז דער 8-טער מאַי, דער טאָג פון זיג איבער היטלער־דייטשלאַנד, זאָל זיין אַ יום־טוב, פּונקט אַזוי ווי דער 11־טער נאָוועמבער, און די צערעמאָניעס זאָלן פאָרקומען פאַרמיטאָג און נישט צום סוף פון טאָג. פאַריקעס יאָר איז די רעגירונג דעריף איינגעגאַנגען, ווייל דער 8־טער מאַי איז אויסגעפאַלן אין אַ שבת.

דער „רעוועי דע קאָמבאַטאַן” שטעלט די פראַגע :

„פאַרוואָס זאָל אַזוי נישט זיין אויך דאָס יאָר ? און פאַרוואָס זאָלן די קאָמבאַטאַנטן-אָרגאַניזאַציעס אין דער דאָזיקער פראַגע נישט באַקומען די אונטערשטיצונג פון די סינדיקאַטן ?”

די קאָמבאַטאַנטן - אָרגאַניזאַציע „א. ר. א. ק.”, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער ערשטער מלחמה דורכן באַוווּסטן שרייבער אַנרי באַרביס, האָט אין דער פראַגע אַרויסגעשיקט בריוו צו אַלע גרויסע אַרבעטער־צענטראַלעס. מיר לייענען אין אים צווישן אַנדערן :

„די רעגירונג האָט געלייזט דעם פּראָבלעם אויף אַזאַ אופן: דעם 17־טן יאַנואַר 1968 האָט זי אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז די פייערונגען פון 8־טן מאַי וועלן פאָרקומען ענדע טאָג, כדי נישט צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די יום-טוב־טעג.

לויט אונדזער מיינונג זיינען די פייערונגען פון דעם דאָזיקן יאָרטאָג נישט בלויז אַ פראַגע פון די געוועזענע פראָנט־קעמפער, נאָר פון גאַנצן פראַנצויזישן פאָלק. און נאָר צוריקגעבנדיק דעם דאָזיקן טאָג זיין גאַנצן ווערט, וועט מען קאָנען פאַראינטערעסירן דעם יונגן דור און זיי איבערגעבן די וויכטיקע דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע לערעס פון איינער פון די פיינלעכסטע און גלאָררייכסטע פּעריאָדן פון אונדזער געשיכטע.

אין דעם גייסט, נאָכקומענדיק די פאָדערונגען פון אונדזערע מיטגלידער, פון וועלכע אַ גרויסער טייל זיינען אַרבעט-מענטשן, האָבן מיר זיך אַנטשלאָסן זיך צו ווענדן צו די סינדיקאַלע צענטראַלעס : ס. זש. ט., ס. פ. ד. ט., פ. אָ., פ. ע. נ: (צענטראַלע פון שול־ווען) און ס. זש. ס. (קאַדרען), זייענדיק איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער זאַך און אַז זייער מיטהילף קאָן האָבן אַ גרויסע באַדייטונג, כדי דער 8-טער מאַי זאָל ווערן אָנערקענט אַלס יום־טוב־טאָג פּונקט אַזוי ווי דער 11־טער נאָוועמבער”.



N° 134 Avril 1972 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# טעאטער און פילם

## „דאס פארכישופטע שניידערל"

„דאָס פאַרכישופטע שניידערל" פון שלום עליכם אין דער רעזשי פון מ. קינמאַן, וואָס איז מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט געוואָרן דורכן „פּאַריזער יידישן טעאַטער-אַנסאַמבל" אין „אַנטרעפּאַ", שוין צום פינפטן מאָל, איז אויפגענומען געוואָרן דורך די פאַריזער ייִדן מיט באַגייסטערונג.

זיי זיינען אַלע אין דורכשניט אַנטציקט פון דער שפּיל, מיז-אַן-סצען און פון שלום-עליכמען, וואָס שפּרודעלט מיט פאָלקס-חכמה און מיטן שטעטלדיקן שטייגער-לעבן.

„דאָס פאַרכישופטע שניידערל" איז אַ טיף-זאָגנדיק מעשהלע וועגן אַן אָרעמען שניידער און זיין ציג, אַ כשרה ייִדישע בהמה: אַ סימבאָל פון אומשולד, וואָס זאָל מיט איר מילך אַרויסהעלפן אין אָט דער אָרעמקייט.

די פאַרשטעלונג איז זייער גוט רעזשיסירט דורך משה קינמאַן, זי איז דורכגעפלאָכטן מיט דראַמאַטישע אַקציעס און הומאָרפולע סצענעס. מיט שיינע האַרציקע ייִדישע ניגונים — אַן אמתע מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון אַ מאָדערנעם פאַרנעם.

אַלע אַרטיסטן און גאָר באַזונדערס לעאָן שפּיגעלמאַן. רבקה גאָמער. מ. שטאָרך, העניעק מונשטיין און פעליקס האַרטענבערג, צייכענען זיך אויס מיט זייער טאַלאַנטפולער שפּיל.

מיר ראָטן אַלע ליבהאָבער פון ייִדישן טעאַטער, נישט דורכצולאָזן די געלעגנהייט און צו גיין זען דעם ספּעקטאַקל, אויב זיי האָבן עס נאָך נישט געטאָן ביז איצט.

## „דער פידל אויפן דאך" שוין געזען דורך 40 מיליאן צושויער

אין מער ווי אין 20 לענדער, דערונטער אויך אין פאַריז, האָט דער „פידל אויפן דאך", די מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון דזשאָזעף שטיין לויט „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם מיט איוואַן רעבראָף אין טעאַטער „מאַריני" געהאַט אַ ריזן-דערפאָלג. דער דערפאָלג איז נאָך גרעסער זינט דער סינעאַסט נאָרמאַן זשלעווי-סאָן האָט אַדאַפּטירט דעם פילם אויפן זעלבן נאָמען לויט דער אַמעריקאַנער פאַרשטעלונג. און כאָטש דער פילם דויערט דריי שעה ווערט מען נישט מיד פון אָט דעם זייער רייכן ספּעקטאַקל. דאָס איז אַ זייער שיינער פילם.

די געשיכטע איז באַקאַנט: אין דעם אוקראַיִנישן שטעטל אַנאַטעמקאַ לעבן ייִדן און קריסטן אין שלום. מען באַקומט דאָ אַ בילד פון „שטעטל", פון וועלכן די וועלט האָט שטענדיק ווי געחוזקט, מיט זיין פּרימיטיוון לעבן, עלנט און אָרעמקייט. ייִדן האָבן דאָרט געלעבט לויט די אַלטע טראַדיציעס וואָס עס האָט זיי פאַרשאַפט פון צייט צו צייט אַ ביסל פרייד און גליק. „טראַדיציע" איז אגב דער לייט-מאָטיוו אין דער פאַרשטעלונג, ווי אין פילם.

ס'איז גענוג צו זען אין זאַל די שטראַלנדיקע פּנימער פון די צושויער, מערסטנס יונגע מיידלעך און ייִנגלעך, ייִדן ווי נישט-ייִדן, כדי פעסטצושטעלן, אַז זיי זיינען באַצויבערט סיי פון סוזשעט סיי פון דער שפּיל. דאָס באַשטעטיקט ווידער, אַז ייִדן זיינען אַ רייך פאָלק, מיט גרויסע קולטור - אוצרות, מיט קוועלנדיקע פאָלקס-חכמות און הומאָר.

דער ערשטער טייל פון פילם, וואָס איז אַ ביסל צו לאַנג, איז אויף דער טעמע פון לויטער טראַדיציעס. דאָס איז אָבער אַ פעסטיוואַל פון חיים טאָפּאָל, דעם ישראל-אַרטיסט. אויב ער איז מיטרייסנדיק, איז אָבער ביי אים נישטאָ קיין סימן פון דעם טוביען פון שלום-עליכם, אי פון זיין ווייכקייט, אי פון זיין טראַגישקייט. און אָן טראַגיק איז נישטאָ קיין אמתער טוביה, אפילו ווען טאָפּאָל שפּילט אָדער רעציטירט מיט אַזאַ ברען און גלאַנץ. ס'איז אויך נישט פאַראַן ביי אים אָט די פאָטערלעכע ליבשאַפט צו זיינע טעכטער אַזוי ווי ביי שלום-עליכמען. דאָס זעלבע בעת ער טעהנעט זיך אויס מיט גאָט.

טאָפּאָל איז אָן שום ספק איינער פון די גרעסטע סטאַרן, אָבער שלום עליכם ווערט ביי אים ווי אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

דער צווייטער טייל פאַרענדיקט זיך מיטן טרויעריקן בילד, ווו די ייִדן ווערן לויט אַן „אוקאַז" פאַרטריבן פון זייערע היימען, אָבער דאָס פידעלע באַגלייט זיי אייביק אויף זייער וועג.

ווי געזאָגט, איז דער פילם אַ גרויסער ספּעקטאַקל פון ייִדישן לעבן, אָבער דער פילם, ווי פריער די פאַרשטעלונג, זיינען פאַר אונדז, וואָס ווייסן וואָס טוביה באַדייט, ווייט פון שלום עליכמס גייסט, וועלכער דריקט אויס דעם ייִדישן אויסדויער, די ייִדישע אָרעמקייט אוןליידן. עס פעלט דער אינערלעכער, באַפליגלטער ציטער און טוביהס בטחון.

דערפאַר אָבער זיינען זיי פון אַ קאָלאָסאָלער באַדייטונג פאַר די מיליאָנען נישט-ייִדישע צושויער, אָדער פאַר די נייע ייִדישע דורות. און דאָס איז אַ גרויסע זאַך, וואָס קנאַפּע 40 מיליאָן צושויער האָבן זיי שוין געזען.

לאָמיר אויך דערמאָנען די ווונדערבאַרע מוזיק פונעם „פידלער אויפן דאך", וועלכע ווערט געשפּילט דורכן מוזיקער איזאַק שטערן.

מ. שוסטער

# ביכער

## די יידישע אונטערערדישע באוועגונג פון ד"ר אדאלף-אברהם בערמאן

אין פאַרלאַג „המנורה" אין תל-אביב איז דערשינען דאָס בוך פון אַדאָלף-אברהם בערמאַן אין דער העברעיִשער שפּראַך „מימי המחתרת" — די ייִדישע אונטערערדישע באַוועגונג.

דאָס בוך נעמט אַרום 14 אַרבעטן וועלכע זיינען איינגעטיילט אין דריי קאַפּיטלען:

1. די אונטערערדישע באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ;

2. די אונטערערדישע באַוועגונג אויף דער „אַרישער זייט" פון וואַרשע;

3. דער גורל פון ייִדישע קינדער.

די פערזאָן פון אויטאָר איז גוט באַקאַנט אונדזערע לייענער. פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון אַנטי-נאַצי-קעמפער אין ישראל, האָט ד"ר א. בערמאַן געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ ביז אָקטאָבער 1942 און שפּעטער געפירט זיין ווידערשטאַנד-קאַמף אויף דער „אַרישער זייט" פון וואַרשע.

די גרעסטע צאָל אַרבעטן, וואָס געפינען זיך אין בוך, זיינען געשריבן געוואָרן אָדער אין געטאָ, אָדער אויף דער „אַרישער זייט" אין וואַרשע בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

אין ערשטן טייל פון בוך באַשרייבט א. בערמאַן די געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ פון יולי 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „ליקווידאַציע" פון געטאָ ביז אָקטאָבער 1942, ווען פון די 350 טויזנט ייִדן זיינען געבליבן בלויז 50 טויזנט.

ד"ר א. בערמאַן באַשרייבט נישט בלויז דעם חורבן, נאָר אויך די ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין געטאָ, פון אירע ערשטע שפּראָצונגען ביז ערב דעם העראָיִשן אויסברוך אין אַפּריל 1943.

דעם גרעסטן פּלאַץ אין בוך פאַרנעמט „די ייִדישע אונטערערדישע באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט". מען געפינט דאָ אַ סך דראַמאַטישע עפּיזאָדן, פאַקטן וועגן די באַציונגען מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און אירע פאַרשידענע ריכטונגען, די ייִדישע און פּוילישע געהיימע רעטונגס-אַקציע.

אין דעם טייל געפינען מיר אויך אַן אַרבעט וועגן אָנטייל פון יידן אין פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע אין אויגוסט 1944.

דאָס דריטע קאַפּיטל איז געווידמעט דעם גורל פון די קינדער אין וואַרשעווער געטאָ. ד"ר א. בערמאַן איז געווען דירעקטאָר פון דער גרויסער ייִדישער קינדער - שול-אָרגאַניזאַציע „צענטאָס", וועלכע האָט צעטיילט הילף פאַר 25 טויזנט קינדער אין געטאָ, וועלכע האָבן זיך געפונען אין 100 יתומים-אַנשטאַלטן, אינטערנאַטן און האַלב--אינטערנאַטן, קינדער-קיכן א"א קינדער-שול-אַנשטאַלטן, צווישן זיי אויך דאָס קינדער-הויז פון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק.

דאָ ווערט אויך באַשריבן דער שוידערלעכער „קינדער-יאַגד" און דער טראַגישער „„קינדער-מאַרש" אויף די גאַסן פון געטאָ — צו די וואַגאָנען, וואָס האָבן זיי געפירט צום טויט-לאַגער אין טרעבלינקע. דאָ געפינט זיך אויך דאָס עדות-זאָגן פון ד"ר בערמאַן אויפן אייכמאַן-פּראָצעס אין ירושלים וועגן אומקום פון 100 טויזנט ייִדישע קינדער אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָס בוך, דורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן, געשריבן דורך אַן עדות פון די שרעקלעכע געשעענישן אין ברען פון קאַמף — איז אַ וויכטיקער אויטענטישער דאָקומענט צו דער געשיכטע פון ייִדישע ליידן און קאַמף בעת דעם צווייטן וועלט-קריג.

## ארטיקל פון פראפעסאר גראל

(סוף פון זייט 7)

אַנדענק פון טיטוסן, וועלכער האָט דערדריקט דעם יידישן אויפשטאַנד פון די קנאים (אין די יאָרן 66—73). ער שטייט ביז היינט אין רוים.

3.) אַ פּאָליטישע פּאַרטיי געגרינדעט פון יהודה פון גליל אין די 50-ער יאָרן פון 1-טן יאָרהונדערט. איר פּראָגראַם: קאַמף קעגן רוים פאַר פולקומער אומאָפּהענגיקייט פון יהודה. זיי האָבן זיך רעקרוטירט פון די פּאָלקס-שיכטן, דער עיקר פון דער פויערישער באַפעלקערונג. די קומענדיקע יידישע מלוכה האָט געדאַרפט זיין אַ רעפּובליק אונטער דער נאָמינאַלער הערשאַפט פון גאָט.

4). אין אַלטן רוים האָט מען פאַרמשפּעט צום טויט פאַר מלוכה-פאַראַט אַראָפּגעוואָרפן פון דאָרט.

5.) דאָס באַזיגטע יהודה.

6.) דער אָנפירער פון די קאַמפן מיט די רוימער אין גליל (66—75) באַקאַנט אַלס יוסף בן מתתיהו, וועלכער איז אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער און שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער היסטאָריקער אונטערן נאָמען יוסף פלאַוויוס.

7.) אין די צייטן פון יוחנן הורקונוס (135—104) האָבן זיך אין ישראל געשאַפן 2 רעליגיעזע פּאָליטישע פּאַרטייען — די צדוקים (אין דער אַלגעמיינער געשיכטע סאַדאַצייער) און די פּרושים (אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פּאַריזייער). די ערשטע, מער ראַציאָנאַליסטיש האָבן געשטרעבט צו אַ קאָמפּראָמיס מיט די רוימער, די צווייטע שטרענג רעליגיעז, האָבן באַקעמפט די רוימער. דעם אָנקום פון משיח האָבן זיי אויסגעטייטשט אַלס קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. זייער עקסטרעמער פליגל זיינען .געוועזן די זעלאָטן, די אינספּיראַטאָרן פון אַלע פרייהייטס-קאַמפן.

8) אויף דעם ווייזן אָן געפונענע די געפונענע אין 1947 קומראַן-מאַנוסקריפּטן פון די אסיים אין אַ הייל ביים ים-המלח.

9) נישט מיט קיין רוימישער אָדער גריכישער באַפעלקערונג.

10) ווי ס'ווייזט אויס האָט בר-כוכבא אים פערזענלעך געהרגעט פאַר פאַראַט.

11) מיט דעם אויסגעשריי, Hannibal ante portas — [(האַניבאַל ביי — די טויערן (פון רוים)] פלעגן רוימישע מאַמעס לאַנגע יאָרן שרעקן די נישט געהאָרכזאַמע קינדער.

12) ווען רבי עקיבא האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען בר-כוכבאן האָט ער אויסגערופן: „דרך ככב מיעקב" — אַ שטערן איז אויפגעגאַנגען פון יעקבס הויז.

(דער המשך אין קומענדיקן נומער וועט באַהאַנדלען דעם אויפשטאַנד גופאַ).

## זייער געלונגענע אלגעמיינע פארזאמלונג פון „מוטיועל" איז פארגעקומען זונטיק דעם 19-טן מערץ

אַ גענויעם באַריכט וועלן מיר איבערגעבן אין נאָענטסטן נומער פון „אונזער ווילן".

## אט דאס איז דער מענטש

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

אַ געוויסן ווינטער-טאָג, ווען דער שניי האָט ערטערווייז דערגרייכט ביז צוויי מעטער די הויך, האָט ער געפּרוווט צו אַנטלויפן, איינגעוויקלט אין אַ ווייסן ליילעך. ער האָט איבערגעשניטן די שטעכל-דראָטן מיט אַ צוואַנג, וואָס ער האָט גענומען אין דער לאַגער-אַטעליע, אָבער דער פּאָסטן האָט אים באַמערקט און געשאָסן אויף אים. גאַדל האָט דאָך באַוויזן צו אַנטלויפן, די דייטשן האָבן נאָכגעלאָזט נאָך אים הינט, וועלכע האָבן אים לייכט געפונען. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע וואָכן אין תפיסה, איז ער נאָכאַמאָל אַנטלאָפן און דאָסמאָל דערגרייכט די שווייצאַרישע גרענעץ, ווו מען האָט אים געכאַפּט.

אַלס רעצידיוויסט און נישט געוווינטלעכער עלעמענט האָט מען אים געשיקט אין אַ דיסציפּלינאַרן לאַגער קיין נאָרוועגיע. פון דאָרטן איז ער אַנטלאָפן צום דריטן מאָל און באַהאַלטנדיק זיך אויפן דעק פון אַ שיף, איז ער אָנגעקומען קיין פּוילן און דערגרייכט וואַרשע אין מאָמענט פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

ער האָט באַוויזן צו באַקומען אַ קאָנטאַקט מיטן ווידערשטאַנד אויסערן געטאָ און עטלעכע מאָל, דורך די קאַנאַלן, איבערגעטראָגן געווער אין קעמפנדיקן געטאָ. ער איז געפאַלן העלדיש אַלס פאַרטיידיקער פון וואַרשעווער געטאָ.

אָט דאָס איז דער מענטש!
איך זע גאַדלען אין מיינע מחשבות: אַ מיטלוווקסיקער, אַפילו אַביסל מאָגער, אָבער אַ פעסטער. מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, אַ בלאַסן אָבער פעסט-בייניקן פּנים, אַ לאַנגע און שפּיציקע נאָז, צוויי קליינע, אָבער וואַכיקע אויגן פון אַ גרינלעכן קאָליר, נאָענט איינס צום צווייטן און טיף אַריינגעדרונגען אין קאָפּ.

אַ געוויסן טאָג, אין אָנפאַנג פון זיין געפאַנגענשאַפט, האָט גאַדל, צוזאַמען מיט אַ פּאָר שפּאַניער און פּאָרטוגעזער, באַשלאָסן אָנצולערנען דעם לאַגער-שעף. אין אַ זונטיק, בעתן פרימאָרגן-אַפּעל, גייט גאַדל אַרויס פון דער ריי, דערנענטערט זיך צום דערשטוינטן סערזשאַנט, כאַפּט אים אָן פאַר זיין נייעם, פריש-אויסגעפּרעסטן מונדיר און זאָגט צו אים מיט זיין פעסטער שטימע: „אויב דו לאָזט אונדז נישט צורו, קענסטו זיך געזעגענען מיטן לעבן, מאָרגן וועט דיין קאָפּ הענגען אויפן בוים אינמיטן לאַגער, מיר ווילן נישט זיין דאָפּלטע שקלאַפן, דיינע און פון די דייטשן!" דער לאַגער-שעף, פול מיט כעס, מאַכט אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג פון דייטשן וועכטער.

„זיי פאַרזיכטיק, שרייט גאַדל, אויב דו, אַ פראַנצויזישער געפאַנגענער, ווענדעסט זיך צו אונדזער שונא נאָך הילף וועלן מיר דיך דערקלערן אַלס קאָלאַבאָראַטאָר און וועסט פאַרלירן דאָס לעבן!... גיב דעריבער צו וויסן אונדזערע ציווילע וועכטער און די דייטשן, אַז דו האָסט זיך טועה געווען און אַז מיר זיינען געוויינלעכע קריגס-געפאַנגענע!"

דער סערזשאַנט האָט זיך געביסן די ליפּן פון צאָרן. אָבער אונטערן בליק פון הונדערטער פיינטלעכע אויגן, האָט ער זיך אונטערגעגעבן. זינט דעמאָלט האָבן מיר אים געזען זייער ווייניק.

שטייענדיק פאַרן מאָנומענט פון יידישן קאָמבאַטאַנט אויפן בית-עולם פון באַניע, באַטראַכטנדיק די סטאַטוע פון יידישן קעמפער, אין זיין דראַנג צו פרייהייט, רעוואָלט קעגן אונטערדריקונג און טויט, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע דעם פּנים פון גאַדלען. אַ באַשיידענער העלד, אַ ליבהאָבער פון פרייהייט, איז ער געווען אומעטום, ווו די שקלאַפעריי האָט אונדז באַדראָט. ער האָט זיך געשלאָגן פאַר פראַנקרייך, ווייל זי האָט אים אויפגענומען, ווייל די פרייהייט איז געווען באַדראָט און די גערעכטיקייט געשענדעט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די אָרעמע קוואַרטאַלן פון וואַרשע און ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן אין קאַמף, אַן האָפענונג, פון וואַרשעווער געטאָ, פאַרן כבוד פון אונדזער פאָלק. זאָל ער דינען אַלס ביישפּיל פאַר די צוקונפטיקע דורות!



Nº 135 Avril 1972

(4)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

p 1 Cote CDJ C 11 284

JUIN 1972 - N° 136 Bimestriel

# Notre Volonté

Bulletin de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs 1939-1945

58, rue du Château-d'Eau - PARIS-X° - Tél. : 607-49-26

## Le 4 juin dernier au cimetière de Bagneux devant une foule nombreuse et émue

# CÉRÉMONIE TRADITIONNELLE

## en hommage aux combattants juifs morts pour la France

Une foule nombreuse s'est réunie le dimanche 4 juin, à l'appel de notre Union, au cimetière de Bagneux, devant notre Monument, pour rendre hommage aux combattants juifs de la Deuxième Guerre mondiale, morts pour la France.

De nombreuses personnalités civiles et militaires sont venues s'associer à l'hommage rendu à la mémoire de nos disparus.

Des représentants de nombreuses sociétés et d'organisations juives, ainsi que des amicales régimentaires, étaient présents à la cérémonie.

C'est notre Président, B. Pons, qui a ouvert la cérémonie en rappelant entre autres, en des paroles émouvantes, l'héroïsme des combattants juifs.

L'aumônier militaire M Nezri et le chantre Berlinsky ont célébré l'office religieux.

La musique militaire du 8e R.I.T. exécuta la « Sonnerie aux Morts », tandis que la foule recueillie observait une minute de silence en l'honneur de nos morts.

Après que les couronnes de fleurs furent déposées au pied du monument, l'orchestre entonna la *Marseillaise* et le *Chant des Partisans*.

M. Pfeffer a salué l'assistance au nom de l'U.F.A.C. Nationale et notre secrétaire général, Isi Blum, a tiré les enseignements du sacrifice consenti par les volontaires juifs d'origine étrangère au cours de la Deuxième Guerre mondiale, ainsi que des événements actuels, qui nous imposent de nombreuses tâches urgentes.

A la fin de la cérémonie, la musique exécuta l'Hymne des Combattants des Ghettos.

Notre Union, en organisant cette traditionnelle manifestation annuelle, a montré une fois de plus qu'elle restait fidèle à son engagement de perpétuer la mémoire sacrée de nos frères, qui ont sacrifié leur jeune existence pour la France, pour la liberté et pour l'honneur de notre peuple.

Les personnalités présentes nous ont exprimé leurs félicitations pour la parfaite tenue de cette émouvante cérémonie du souvenir qui était digne d'une grande organisation.

Ajoutons que parmi les personnalités ayant assisté à cette belle manifestation, nous avons noté entre autres : les représentants du ministre des A.C., de la 1re Région Militaire, du rabbinat, de l'ambassade d'Israël, du C.R.I.F., de l'Union des Sociétés Juives, de l'U.J.R.E., de l'Association des Anciens Déportés Juifs, de la L.I.C.A., du M.R.A.P., de la Fédération des Groupements d'A.C. Juifs des deux guerres, etc.

Des délégations de nos sections de Nice et de Saint-Quentin sont venues avec leurs drapeaux.

(Voir en deuxième page les extraits des discours.)

## Pour leurs droits les A.C. ont manifesté les 6 et 7 mai dernier

Le Comitét d'Entente des organisations d'anciens prisonniers de guerre a proclamé le 6 et 7 mai journées d'action des P.G.

A Paris, venus de la région parisienne et de tous les départements de France, les anciens combattants, prisonniers de guerre et les Anciens de l'Afrique du Nord ont défilé pendant plus d'une heure, de l'Opéra à la place du Palais-Royal, derrière leurs 700 drapeaux. Leur cortège occupait l'avenue de l'Opéra sur toute sa longueur.

Des manifestations ont eu lieu aussi dans d'autres villes.

## Indignation générale après le massacre de l'Aéroport de Tel-Aviv

L'attentat - massacre de Lod du 30 mai dernier, qui a coûté la vie de 25 personnes et a fait 75 blessés, a provoqué une profonde indignation justifiée dans le monde entier.

De nombreuses organisations en France ont protesté vivement contre cet acte de barbarie.

Nous avons reçu, entre autres, un communiqué du C.R.I.F., dans lequel il « exprime sa douloureuse indignation et sa profonde inquiétude devant cette escalade de crimes qui entraînent l'humanité vers l'abîme ».

« Il s'élève contre tous ceux qui, sciemment ou dans leur folle inconscience, encouragent ces actions criminelles. »

« Il s'incline devant la mémoire des innocentes victimes de cette tuerie. »

Le M.R.A.P., la L.I.C.A., les anciens déportés juifs ont exprimé publiquement leur protestation.

Quant à nous, notre Union a publié un communiqué pour joindre notre voix à celles qui ont élevé une véhémente protestation contre cet ignoble massacre.

## Le Samedi 10 juin, à 14 h. 30, de l'Opéra au Palais-Royal

# GRANDE MANIFESTATION

## des Anciens Combattants et Victimes de Guerre

(Voir page 3.)

## Le rebondissement de l'affaire Barbie

Dans notre journal, nous avons à plusieurs reprises parlé du scandale Klaus Barbie.

Ce criminel de guerre nazi, chef de la Gestapo de Lyon, qui tortura Jean Moulin, l'unificateur de la Résistance, continue à vivre librement en Bolivie et se sent très sûr de lui. Il a déjà avoué que Klaus Barbie et Klaus Altmann ne faisaient qu'un. Il fait aujourd'hui publier par les journaux ses « mémoires » dans lesquels il exprime son mépris envers le tribunal français qui le condamna à mort.

La demande d'extradition de Barbie faite par le président Pompidou n'a donné aucun résultat jusqu'à maintenant. Récemment, dans une déclaration officielle, le gouvernement français affirmait qu'il continue à demander avec une extrême énergie l'extradition de ce criminel de guerre.

Avec tout le monde ancien combattant, notre Union exige le châtiment de ce bourreau.



*La cérémonie du 12 avril au Panthéon, en hommage à Jean Moulin, demandant l'extradition de Klaus Barbie.*

## Le tirage de notre tombola aura lieu le mercredi 21 juin 1972, à 20 h. 30

AU SIEGE DE NOTRE UNION

58, rue du Château-d'Eau - PARIS (10e)

Nos camarades, qui n'ont pas encore réglé le montant des cartes de soutien qu'ils ont reçues, sont priés de le faire avant la date du tirage.

Les possesseurs de numéros gagnants, dont les cartes n'auront pas été réglées avant le 21 juin 1972, ne pourront pas réclamer leurs lots.

## Pèlerinage de l'Amicale du 22e R.M.V.E.

**Le pèlerinage annuel de l'Amicale du 22e R.M.V.E. aura lieu le dimanche 11 juin 1972 aux anciens champs de bataille de la Somme.**

## Le 1er juin 1972, le point est passé à 11,59

*Par décret n° 72 404 du 16 mai 1972, le montant du traitement minimum annuel est fixé à 6 778 F à compter du 1er juin 1972. Le calcul du point sur lequel sont basées nos pensions et retraites est porté à 11,59.*

## Le dimanche 11 juin 1972 Pèlerinage annuel des A.C. du 23e R.M.V.E.

**Le dimanche 11 juin, l'Amicale des Anciens Combattants du 23e R.M.V.E. organise son pèlerinage annuel à Missy-aux-Bois.**

**Cette cérémonie traditionnelle, placée sous la présidence du général Flipo, sera suivie d'un banquet à Soissons.**

**Rendez-vous à 8 heures du matin devant le n° 15 du boulevard Saint-Denis, d'où aura lieu le départ.**

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Juin 1972 p 2

# Les Allocutions à la Cérémonie de Bagneux (Extraits)

## B. PONS
### Notre Président

Avant d'évoquer le souvenir de nos morts, permettez-moi de dire un mot sur un événement tragique qui vient de bouleverser le monde entier.

Devant cette tombe, où reposent des volontaires juifs morts au combat contre la barbarie nazie, comment ne pas évoquer le massacre odieux de Lod où nous déplorons 26 morts et 80 blessés ?

En exprimant notre indignation et profonde tristesse et en élevant notre véhémente protestation, nous nous inclinons devant la mémoire de toutes les victimes de cet abominable assassinat.

Depuis 1948, date à laquelle nous avons érigé ce monument au pied duquel se trouvent inhumés près de 70 corps ramenés des divers champs de bataille, devant cette tombe, en quelque sorte symbolique si j'ose m'exprimer ainsi, nous évoquons tous les ans le courage, le patriotisme des Juifs d'origine étrangère qui se sont enrôlés en masse dans l'armée française, dès que leur pays d'adoption, la France, fut menacée.

On ne contera jamais assez leur glorieuse épopée.

Ils se sont spontanément engagés dans l'armée française. Ils formèrent la majorité dans le unités constituées par les engagés volontaires étrangers (les 21e, 22e et 23e R.M.V.E., les 11e et 12e R.E.I., la 13e demi-brigade).

D'autres furent affectés dans les armées polonaises et tchécoslovaques en France.

Mal équipés, insuffisamment armés, ils opposèrent une résistance farouche à l'envahisseur nazi. Des centaines et des centaines d'entre eux tombèrent en combattant.

Les survivants poursuivirent ensuite la lutte dans les rangs de la Résistance.

Ils sont tous morts pour la France, pour la liberté, pour la dignité de l'homme face à la barbarie.

Ces faits doivent être rappelés sans cesse. Ils doivent l'être surtout en un moment où le nazisme tend à renaître, où l'antisémitisme se manifeste un peu partout, où le spectre de la guerre hante toujours l'humanité.

En évoquant le souvenir de ceux qui consentirent le sacrifice suprême, nous devons exprimer notre inquiétude, mais aussi notre détermination à poursuivre le combat pour que les foyers de guerre s'éteignent partout sur notre planète, et gardons l'espoir de voir un jour la paix régner sur les frontières d'Israël.

Honneur et gloire à tous ceux qui ont donné leur vie pour la France.

## H. PFEFFER
### Président de l'U.D. de l'U.F.A.C. de Paris

*J'ai l'insigne honneur de représenter l'U.F.A.C. Nationale, en vous demandant de vouloir bien excuser notre Président National, notre ami Lucien Begouin, pris par ailleurs en d'autres représentations combattantes, à la F.M.A.C. en particulier.*

*Je viens donc en son nom et surtout au nom de l'U.F.A.C., vous apporter notre salut fraternel et les sentiments de notre profonde reconnaissance pour votre participation si vive et spontanée que vous avez su nous témoigner tant au début du mois d'août 1914 qu'en septembre 1939 par vos engagements volontaires.*

Je voudrais vous rappeler qu'au rassemblement de Rome qui s'est tenu du 18 au 20 novembre dernier, auquel d'ailleurs une délégation de votre Union assistait, toutes les délégations européennes ont lancé unanimement un Appel pour qu'enfin la PAIX puisse définitivement s'établir et régner de façon véritablement efficace.

Cet Appel pour la Paix, la concorde, la fraternité, la coopération mondiale, nous l'avons remis ici en notre capitale, comme nous en étions chargés, aux plus hautes autorités officielles de notre pays, et c'est ainsi qu'avec une délégation de l'U.F.A.C. de Paris j'ai eu l'insigne honneur de remettre moi-même cet Appel à Monsieur le Grand Rabbin Kaplan le dimanche matin 16 avril dernier en son domicile personnel ; après l'avoir remis, la veille, solennellement tant à M. le Préfet de Paris qu'à Monseigneur Marty Archevêque de Paris ainsi qu'à M. le Président du Conseil de Paris. Il a été remis par ailleurs à M. le Président de la République.

Mes Camarades, mes Amis, je sais que ce n'est pas en vain qu'il m'est donné de vous adresser, ce matin, ce sublime Appel à la fraternité humaine, malgré l'ostracisme dont vous avez été victimes et qui vous guette, vous harcèle encore aujourd'hui, si l'on en juge chaque jour par les graffiti infâmants que l'on voit s'étaler violemment sur les murs et en particulier dans le métro. Défendez-vous, et nous vous appelons pour agir ensemble avec tous les A.C. afin que notre beau pays en ce monde continuellement bouleversé puisse enfin retrouver en paix, sans aucune pensée de chauvinisme, la place qu'il a jadis occupée et qui mondialement doit lui être concédée étant donné son illustre passé.

## ISI BLUM
### Notre Secrétaire Général

**En mai-juin 1940, les champs de bataille de la Somme, des Ardennes, de l'Aisne, des Vosges, d'Alsace jusqu'au lointain Narwik en Norvège furent jonchés de centaines, sinon de milliers, de jeunes combattants tombés en héros. Parmi eux se trouvaient de nombreux juifs.**

**En leur rendant hommage aujourd'hui, en évoquant leur héroïsme et leur sacrifice, notre pensée va vers les dizaines de milliers de combattants glorieux du ghetto de Varsovie et d'autres ghettos.**

**Tout en sachant que leurs chances de survie étaient pratiquement nulles devant l'écrasante supériorité d'armement dont disposait leurs bourreaux, ils se soulevèrent et infligèrent des pertes considérables à l'ennemi. Par leur héroïque comportement, ils mirent fin à la légende selon laquelle les juifs se laissaient conduire comme des moutons à l'abattoir.**

**Des statistiques publiées récemment donnent quelques chiffres sur la participation des juifs au combat contre l'Allemagne nazie.**

**Plus d'un million de juifs ont combattu dans les rangs de l'armée soviétique, parmi eux, plus de cent héros de l'U.R.S.S., dont de nombreux généraux et amiraux.**

**550 000 juifs se sont battus dans les rangs de l'armée américaine et plus de 60 000 dans l'armée britannique.**

**La brigade juive de Palestine comptait 25 000 combattants volontaires.**

**Les morts et les blessés parmi ces combattants furent innombrables.**

**Notre pensée va vers tous ces héros, tous ces martyrs. Elle va vers les millions d'êtres humains innocents, dont deux millions d'enfants, victimes de la barbarie nazie.**

**ILS ONT VERSE LEUR SANG pour qu'il n'y ait plus jamais de racisme, plus jamais d'antisémitisme.**

**Or, malheureusement, les faits quotidiens sont là.**

**Ils nous montrent que l'antisémitisme relève la tête, aussi bien en France qu'à l'étranger et dans des pays où l'on pouvait le moins s'y attendre.**

**ILS ONT DONNE LEUR VIE pour que le monde ne connaisse plus de nazisme, plus de fascisme, pour que les générations futures soient préservées des fours crématoires, des chambres à gaz et des camps de la mort.**

**Or, un peu partout, des signes inquiétants apparaissent. Des organisations d'extrême-droite telle « Ordre Nouveau » en France, le N.P.D. en Allemagne fédérale, le M.S.I. en Italie et tant d'autres affichent ouvertement leur tendance néo-nazie et fasciste. Les criminels de guerre nazis, responsables de milliers, de dizaines de milliers d'assassinats de juifs et de résistants, jouissent dans certains pays d'une liberté totale et le cas de Klaus Barbie, bourreau de Lyon, tortionnaire de Jean Moulin, est là pour le confirmer.**

**ILS SONT MORTS pour que leurs enfants, pour que l'humanité ne connaissent plus de guerre. La guerre, avec tout son cortège de misères, de souffrances et de désastres.**

**Malheureusement, bien que nous assistons à l'amélioration du climat de détente entre l'Est et l'Ouest, les dangers sont loin d'être écartés. Des foyers d'incendie existent. La guerre fait rage en Indochine, où la population subit tous les jours des bombardements meurtriers.**

**En Israël, la paix, si ardemment désirée, n'est pas encore prévisible, hélas !**

**Cela fait aujourd'hui juste cinq ans que la guerre des six jours commençait. Nous nous souvenons tous encore de l'angoisse qui nous étreignait devant les « promesses » de jeter à la mer les Israéliens, une population dont des centaines de milliers d'habitants sont des rescapés des camps de la mort hitlériens.**

**Au cours de ces cinq années, des tentatives ont été faites pour arriver à une solution politique du conflit israélo-arabe. Depuis bientôt deux ans, le calme règne sur le canal de Suez et nous n'avons heureusement pas de nouvelles victimes à déplorer de ce côté-là.**

**Malheureusement, l'odieux massacre de mardi dernier à l'aérodrome de Tel-Aviv, qui a fait tant de victimes innocentes, vient de rappeler que la guerre est toujours là.**

**Nous exprimons notre profonde indignation, comme l'a dit notre président, devant ce crime monstrueux.**

**En exprimant notre vœu ardent de voir au plus tôt le retour à la paix, une paix juste et durable au Proche-Orient, où Israël pourra enfin vivre et prospérer à l'intérieur des frontières sûres et reconnues ;**

**En exprimant notre souhait de voir au plus tôt s'arrêter la guerre au Vietnam ;**

**En nous engageant à poursuivre, dans l'union, notre combat contre la renaissance du nazisme et du fascisme, contre la recrudescence du racisme et de l'antisémitisme,**

**Nous resterons fidèles aux idéaux dont furent animés nos héros et nos martyrs.**

**Honneur aux volontaires juifs morts pour la France,**

**Honneur à tous les combattants, juifs et non juifs, morts pour la même cause, la cause de la liberté !**

# L'Appel de l'U.F.A.C. pour le 8 Mai

*Le 8 mai, journée anniversaire de la victoire des alliés sur l'Allemagne hitlérienne, n'était toujours pas cette année une journée chômée, comme le réclament depuis des années les associations d'Anciens Combattants.*

*Mais dans toutes les villes et villages de France les Anciens combattants et victimes de deux guerres mondiales se sont réuni devant les monuments aux morts pour déposer les fleurs à la mémoire de ceux qui sacrifièrent leur vie pour que vive la France.*

*Ils ont écouté le Manifeste pour le 8 mai 1972 du président de l'U.F.A.C., L. Begouin, dont nous donnons ici quelques extraits essentiels :*

... Le 8 mai 1945 ne marque pas seulement la victoire des forces alliées sur les forces hitlériennes mais surtout l'écroulement d'un régime d'oppression et la fin d'un horrible cauchemar.

La Deuxième Guerre mondiale fut beaucoup plus meurtrière que la Première en raison de l'utilisation massive des tanks et de l'aviation et du fait que les chefs nazis organisèrent méthodiquement, impitoyablement, le massacre des juifs, des résistants et de toutes les populations qui refusaient d'accepter le joug hitlérien.

Plusieurs millions d'êtres humains parqués comme des bêtes dans les camps de concentration subirent d'affreuses tortures ou servirent de cobayes aux médecins nazis avant de périr dans les chambres à gaz ou les fours crématoires.

Jamais on n'avait constaté depuis le Moyen Age un tel déchaînement de violence et de haine raciale.

Heureusement, le temps qui passe n'efface pas le souvenir.

Tous nos héros, tous nos martyrs, tous ceux qui se sacrifièrent pour un idéal de paix et de fraternité, tous ceux qui tombèrent sur les champs de bataille ou dans les maquis pour rendre à la France meurtrie et humiliée son indépendance et son honneur, sont vivants dans notre esprit et dans notre cœur.

Ils nous demandent de poursuivre notre action en vue de sauvegarder la paix, d'unir nos forces et nos volontés pour développer la coopération entre les peuples.

# A la Cérémonie de la Flamme

**Répondant à l'appel de la Fédération des organisations d'Engagés Volontaires et Anciens Combattants juifs des deux guerres, un grand nombre d'A.C. juifs se sont rassemblés, le 9 mai dernier, place de l'Etoile, pour la cérémonie annuelle de la Flamme.**

**Parmi les nombreuses personnalités invitées, on remarquait notamment M. Ben Nathan, ambassadeur d'Israël, René Cassin, prix Nobel, ainsi que l'académicien Joseph Kessel.**

**33 drapeaux d'Associations françaises et étrangères, dont le nôtre porté par notre camarade Haitman, précédaient le cortège de quelques centaines de personnes.**

**Notre organisation était représentée par une large délégation du Comité Directeur ainsi que par de nombreux membres de l'Union.**

**Entouré du président de la Fédération des organisations d'A.C. juifs des deux guerres, M. Glasberg et du président des Volontaires juifs de la Première Guerre mondiale, M. Tauman, le membre du bureau de notre Union, Ilex Beller, ralluma la Flamme à la tombe du Soldat Inconnu.**

**Notre camarade Waycman, membre de notre bureau, accompagné d'un représentant de Volontaires juifs de la Première Guerre mondiale, déposa la couronne de fleurs de la Fédération.**

**L'Orchestre de l'Armée de l'Air (60 personnes) exécuta la Sonnerie aux Morts. Les hymnes israélien et français, la Marche Lorraine et La Madelon.**

Le Comité d'honneur pour la célébration du centenaire de la naissance de Barbusse compte parmi ces membres : *Roland Dorgelès* (président de l'Académie Goncourt), *Maurice Genevoix, André Chamson, Maurice Druont, Jean Guehenno, Jean Rostand* (de l'Académie Française), *Maurice Baumont* (de l'Institut), *Alfred Kastler* (prix Nobel), de l'Académie des Sciences, *René Cassin* (prix Nobel), de l'Institut, *Jean Rousselot* (président de la Société des gens de Lettres), *Aragon, Jean-Louis Barrault, Jacques Duclos, Georges Séguy* (secrétaire général de la CGT), *Guy Mollet* (député maire d'Arras), etc.

Les solennités seront placées sous le haut patronnage du ministre des Affaires culturelles.

## NOTRE LIVRE ANNIVERSAIRE

# "Le Combattant Volontaire Juif 1939 - 1945"

**Ce livre, en yiddish et français, richement illustré, contient près de cent témoignages concernant la participation des Juifs d'origine étrangère en France, aux combats de la Deuxième Guerre mondiale sur les fronts et dans les rangs de la Résistance.**

**Une partie du livre est consacrée à l'activité de notre Union au cours des vingt-cinq années de son existence.**

**Des personnalités éminentes juives et non-juives ont chaleureusement salué la réalisation de ce beau livre.**

**Les commandes sont reçues au bureau de l'Union des Engagés Volontaires Anciens Combattants Juifs, 58, rue du Château-d'Eau, Paris-10e (tél. : 607-49-26).**

# Le 18 novembre à la cérémonie du Mont-Valérien

Le 18 novembre dernier, les organisations d'A.C., d'anciens résistants et de déportés, rassemblées derrière soixante-dix drapeaux, ont rendu hommage, près de la crypte du souvenir, aux 4 500 patriotes fusillés au Mont-Valérien par les occupants nazis entre août 1940 et août 1944.

Notre organisation a été représentée par le secrétaire général, Isi Blum, et les membres du Comité : Golgewit, Uriewicz et Bory, qui portait notre drapeau.

Une minute de silence a été observée en hommage à ceux qui sacrifièrent leur vie pour la France.

# Nos peines

Nous présentons nos condoléances attristées aux familles de nos camarades disparus :

Benjamin SZTARKMAN,
Moszek FRIDMAN,
Moszek ZYLBERBERG,
Henri ROSTAIN.

# Communiqué de l'Amicale du 23e R.M.V.E.

L'amicale des Anciens Combattants du 23e Régiment de Marche des Volontaires Etrangers organise son banquet annuel le dimanche 14 janvier, à 13 heures, dans les salons du Cercle Républicain, 5, avenue de l'Opéra, Paris-1er, sous la présidence du général Flipo.

Les Anciens de cette unité, avec leurs familles et amis, sont cordialement invités.

Réservation : M. BROTMAN, président de Fêtes, 42, bd Bonne-Nouvelle, Paris-10e, Tél. 770-64-81.

# nos vœux

Nous présentons nos meilleurs vœux à notre camarade Samuel RUTMAN et Madame, à l'occasion du mariage de leur fille Liliane avec M. Pascal VALIGNAT.

Nos félicitations les plus chaleureuses à notre camarade Marcel SKURNIK, membre du Comité, et Madame, à l'occasion de la naissance de leur petite-fille Hélène Fela.

Salutations chaleureuses à notre camarade Wolf FOGEL, membre du Comité, et Madame, à l'occasion de la naissance de leur petit-fils Olivier Abraham.

# Les cotisations pour 1973

**Quand vous recevrez ce journal, l'année 1973 frappera déjà à votre porte.**

**Certains de nos camarades n'ont même pas attendu la fin de l'année pour verser leurs cotisations pour l'année prochaine.**

**Imitez tous leur exemple, et vous nous faciliterez la tâche de l'encaissement des cotisations (30 F).**

**Merci à tous !**



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Decembre 1972 p.4

# Ce que vous devez savoir

## La nouvelle réglementation des fiches de l'état civil

**Faisant suite au décret du 22 mars 1972 portant simplification de certaines formalités administratives, une circulaire du 18 avril 1972, parue au « J.O » du 27 avril, a précisé les innovations apportées à l'établissement et à la délivrance de la nouvelle fiche d'état civil.**

**Les nouvelles fiches se dénomment désormais « fiches individuelles d'état civil et de nationalité française » et « fiches familiales d'état civil et de nationalité française ». On aperçoit de suite l'innovation. En effet, ces fiches ne justifieront pas seulement désormais de l'état civil, mais aussi de la nationalité française et remplaceront donc, sauf cas exceptionnels (mariage, naturalisation par exemple), le certificat de nationalité française, si difficile dans bien des cas à obtenir.**

**En outre, ces fiches seront établies, non seulement, comme dans le passé, par la mairie du domicile de l'intéressé, mais par toute mairie. Elles pourront être utilisées également pour la délivrance d'un passeport.**

**Les fiches individuelles seront établies au vu de la carte d'identité française, en cours de validité, c'est-à-dire délivrée depuis moins de dix ans. Les fiches familiales le seront sur présentation à la fois du livret de famille ou des extraits de naissance et des cartes d'identité.**

**Enfin cette réglementation est entrée en vigueur le 1er mai dernier.**

## La retraite de vieillesse pour les prisonniers de guerre avant 56 ans

Le 4 mai 1972, le député Sanglier a demandé au ministre de la Santé Publique et de la Sécurité Sociale quelles mesures étaient envisagées ou déjà prises afin de donner toutes garanties quant à la prise en considération de leur situation particulière et des présomptions d'inaptitude au travail qui en résultent, aux assurés anciens prisonniers de guerre qui sollicitent une pension de vieillesse de la Sécurité Sociale à partir de l'âge de 60 ans.

Voici la réponse du ministre :

*Conformément aux dispositions du décret n° 72-427 du 17 mai 1972 qui vient d'être publié au Journal Officiel du 15 juillet 1972, le dossier qui sera soumis au médecin-conseil de la caisse compétente pour statuer sur la demande de pension de vieillesse au titre de l'inaptitude devra comporter une déclaration du requérant relative à sa situation pendant la période de guerre. Cet élément nouveau mettra le médecin en mesure de tenir compte, notamment, des séquelles physiologiques des années de captivité pour apprécier l'inaptitude éventuelle au travail d'un ancien prisonnier de guerre. En outre, afin que les médecins-conseils des caisses soient parfaitement informés des différents aspects de ces séquelles physiologiques, une information systématique est entreprise et les synthèses des travaux de la commission de la pathologie de la captivité ont été communiquées au médecin-conseil national en vue de leur diffusion auprès des médecins-conseils chargés du contrôle médical des caisses compétentes pour liquider les pensions de vieillesse. Il est, en outre, précisé que la commission régionale technique compétente en matière de litiges relatifs à la reconnaissance de l'inaptitude au travail comprend parmi ses membres notamment un médecin désigné par le requérant ; un ancien prisonnier de guerre peut ainsi lors de cette phase contentieuse désigner pour faire partie de la commission appelée à statuer sur son recours, un médecin particulièrement compétent en matière de pathologie de la captivité ; rien ne s'oppose à ce que les associations d'anciens prisonniers de guerre tiennent à la disposition de leurs adhérents la liste des médecins qualifiés dans ce domaine.*

## Pensionnés pour tuberculose

Le relèvement de taux à compter du 1er septembre et du 1er octobre 1972 sera généralement (1) appliqué à l'occasion du paiement des échéances du 1er décembre 1972 en ce qui concerne l'indemnité de soins, l'indemnité de ménagement et l'indemnité de reclassement et ménagement.

Compte tenu du rappel (dû depuis le 1er septembre et le 1er octobre 1972) *cela donnera au 1er décembre 1972, les montants suivants :*

| | |
|---|---|
| Indemnité de soins (indice 916) .... | 981,64 F |
| Indemnité de ménagement (indice 458) .......... | 490,83 F |
| Indemnité de reclassement et de ménagement : | |
| — Taux plein (indice 687) | 736,22 F |
| — Taux réduit (indice 275) | 294,70 F |

*Sous réserve de modifications ultérieures, les montant mensuels payables à l'échéance du 1er janvier 1973 et aux suivantes, seront de :*

| | |
|---|---|
| Indice 916 ...... | 928,97 F |
| Indice 458 ...... | 464,49 F |
| Indice 687 ...... | 696,73 F |
| Indice 275 ...... | 278,89 F |

(1) *Précisons que les modalités de paiement diffèrent d'une région à l'autre, compte tenue des moyens mécanographiques dont disposent (ou ne disposent pas) les centres régionaux des pensions près les trésoreries générales assignataires.*

## Secours pour les frais des obsèques

Lorsque survient le décès d'un ancien combattant ou d'une victime de guerre, son épouse ou ses proches ont à faire face à des dépenses parfois lourdes pour frais d'obsèques. Et dans le cas des veuves, la disparition de l'époux s'accompagne souvent de difficultés financières dues au blocage des comptes du défunt, l'arrêt du salaire ou de la retraite, etc.

**Rappelons une fois de plus que les offices départementaux accordent des secours pour frais d'obsèques de l'un de ces ressortissants (ancien combattant ou victime de guerre).**

La demande doit en être faite dans les six mois qui suivent la date du décès.

AVANT LE VOTE DU BUDGET DES A.C.

## Notre télégramme au député G. MARCUS

Conformément aux décisions du Congrès de l'U.F.A.C. concernant l'action à mener par les organisations d'A.C. en faveur d'un budget prenant en considération leurs revendications essentielles, notre Union a envoyé, le 3 novembre dernier, le télégramme suivant au député du 10e arrondissement de Paris, Claude Gérard Marcus :

« L'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants juifs 1939-1945, 58, rue du Château-d'Eau, Paris (10e), groupant les Juifs de France ayant pris volontairement les armes, dès septembre 1939, pour défendre leur patrie d'adoption, vous demande de refuser le vote du budget s'il ne tient pas compte des revendications des anciens combattants et victimes de guerre telles qu'elles sont formulées par l'ensemble des organisations du monde combattant.

*Le Président*
B. PONS
*Chevalier de la Légion d'Honneur*

*Secrétaire général*
Isi BLUM

## Nouveaux montants des avantages vieillesse

Le « Journal Officiel » du 12 octobre 1972 a publié deux décrets (du 11 octobre 1972) fixant les nouveaux montants des avantages de vieillesse.

**Le premier** (portant le numéro 72.292) **fixe à 2.100 F par an, à compter du 1er octobre 1972, le montant de certains avantages de vieillesse** notamment de l'allocation spéciale aux vieux.

**Le deuxième** (portant le numéro 72.930) **fixe à 2.400 F par an, à compter du 1er octobre 1972, le montant de l'allocation supplémentaire du Fonds national de solidarité.**

L'un et l'autre de ces décrets fixent **le montant du plafond des ressources** au-deçà duquel ces avantages sont attribués à :

— **6.000 F** pour une personne seule ;

— **9.000 F** pour un ménage.

## Les "Lauriers Roses" à Levens (A.-M.) - La salle de loisirs



**Si vous avez l'intention d'aller vous reposer aux « Lauriers Roses » n'attendez pas le dernier moment pour vous inscrire.**

**Adressez-vous à notre siège : 58, rue du Château-d'Eau, Paris-10e.**



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# אונזער ווילן

אָרגאַן פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די געװ. יידישע פֿראַנט=קעמפֿער

## אונדזער בילאַנס צום סוף יאָר

מיר וועלן אין די נאָענטסטע טעג געזעגענען דאָס יאָר 1972. עס איז נויטיק צו מאַכן, כאָטש אין אַ קאָנדענסירטער פֿאָרם, אַ סך־הכל פֿון אונדזער טעטיקייט אין משך פֿון אָפּגעפֿלאָסענעם יאָר.

דאָס איז געווען אַ יאָר פֿון אַ לעבהאַפֿטער אַקטיוויטעט פֿון די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס אין פֿראַנקרייך פֿאַר זייערע רעכט.

דעם 15־טן אַפּריל האָבן מיר צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָמבאַטאַנטן־וועלט אָנטיילגענומען אין טאָג פֿון באַקאַנט מאַכן דעם אַפּעל, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָנפֿערענץ אין רוים פֿאַר שלום, זיכערקייט, צוזאַמענאַרבעט און פֿריינטשאַפֿט פֿון 18־טן—20־טן נאָוועמבער 1971 אין וועלכער אונדזער פֿאַרבאַנד האָט אָנטיילגענומען. אונדזערע פֿאָרשטייער האָבן אָנטיילגענומען אין די דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן איבערגעגעבן דעם אַפּעל פֿון רוים דעם קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער דיוויילאַר און דעם הויפּט־ראַבינער פֿון פֿראַנקרייך, יעקב קאַפּלאַן.

דעם 10־טן יוני האָבן די יידישע קאָמבאַטאַנטן אָנטיילגענומען אין דער מאַניפֿעסטאַציע, אָרגאַניזירט דורכן „אופֿאַק" פֿון פּלאַס דע ל'אָפּעראַ ביז פּאַלע רויאַל.

אין רעזולטאַט פֿון דער אָנגעשטרענגטער טעטיקייט פֿון די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס לטובת זייערע פֿאָדערונגען איז דעם 30־סטן יוני פֿאָרגעקומען אַ ברייטע דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג נוגע די קאָמבאַטאַנטן־פּראָבלעמען. זי האָט אָבער נישט געגעבן די געהעריקע רעזולטאַטן.

אַ צווייטע דעבאַטע איז פֿאָרגעקומען בעת דער אָפּשטימונג פֿון קאָמבאַטאַנטן־ביודזשעט, וועלכער האָט אָנגענומען עטלעכע קלענערע פֿאָדערונגען, אָבער נישט געענטפֿערט אויף די וויכטיקסטע פּראָבלעמען.

דעריבער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צווייטע נאַציאָנאַלע פּראָטעסט־מאַניפֿעסטאַציע אין זאַל וואַגראַם, אין וועלכער אונדזערע מיטגלידער האָבן זיך צאָלרייך באַטייליקט.

דער קאַמף פֿאַר די קאָמבאַטאַנטן־פֿאָדערונגען גייט ווייטער אָן און אונדזער פֿאַרבאַנד וועט אין אים אָנטיילנעמען.

●

דער פּראָבלעם פֿון שלום אויפֿן נאָענטן מזרח איז די גרויסע זאָרג פֿון אַלע יידישע קאָמבאַטאַנטן אין פֿראַנקרייך.

מיט צופֿרידנקייט שטעלן מיר פֿעסט, אַז זייט דריי יאָר הערשט דער וואָפֿן־שטילשטאַנד ביים סועץ־קאַנאַל און אויף דער יאַרדאַנישער גרענעץ. אין דער ערשטער העלפֿט פֿון האַיאָר האָבן מיר געקאָנט האָפֿן, אַז עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט פֿון שלום־געשפּרעכן. דער בלוטיקער טעראָראַקט אין מינכען האָט צעשטערט די דאָזיקע האָפֿענונג.

מיר גלויבן אָבער, אַז דער וועג פֿון שלום איז נישט פֿאַרשלאָסן געוואָרן.

אין דער וועלט קומען פֿאָר דייטלעכע ענדערונגען אין דער ריכטונג פֿון אָנטשפּאַנונג. די פֿאַרבעסערונג פֿון די באַציאונגען צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן מיט כינע פֿון איין זייט און מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון דער צווייטער, די גינסטיקע פּערספּעקטיוון פֿאַר אַ פֿייער־איבעררייס אין וויעטנאַם, די אונטערהאַנדלונגען צווישן די צוויי קאָרייעס, דער אָפּמאַך צווישן ביידע דייטשלאַנדס, דער לעצטער וואַל־זיג פֿון ווילי בראַנד אין מערב־דייטשלאַנד און די פּערספּעקטיוו פֿון אַריינטריט פֿון ביידע דייטשלאַנדס אין דער אָנו — וועלן זיכער אויך האָבן אַ גינסטיקע אויסווירקונג אויף די געשעענישן אויפֿן נאָענטן מזרח.

אַריינטרעטנדיק אין נייעם יאָר 1973 דריקן מיר דאָ אויס דעם ווונטש פֿון אַלע יידישע פֿראָנט־קעמפֿער, אַז ישראל זאָל ווי צומשנעלסטן קאָנען געניסן פֿון שלום אויף אַלע אירע גרענעצן און ווערן אָנערקענט דורך אירע שכנים, כדי די מדינה זאָל קאָנען זיך ווידמען אויסשליסלעך דעם פֿרידלעכן אויפֿבוי צום גונסט פֿון ישראל־פֿאָלק.

●

אונדזער פֿאַרבאַנד האָט אָנטיילגענומען אין דער אַקציע פֿון די פֿראַנצויזישע קאָמבאַטאַנטן־ און רעזיסטאַנס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿאָדערן די עקסטראַדיציע פֿון באַרביע, דעם שעף פֿון דער ליאָנער געשטאַפּאָ, וועלכער לעבט פֿריי אין באָליוויע. צוזאַמען מיט אַלע קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס פֿאָדערן מיר צו אַנולירן די באַגנעדיקונג דורכן פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק פֿון טוּוויע, דעם שעף פֿון דער ליאָנער ווישי־מיליץ.

מיר האָבן נישט פֿאַרשוויגן און שטענדיק פּראָטעסטירט קעגן יעדער מאַניפֿעסטאַציע פֿון אַנטיסעמיטיזם, פֿון וועלכער זייט זי זאָל נישט קומען. לעצטנס איז עס געקומען צום אויסדרוק אין אונדזער פּראָטעסט־טעלעגראַמע צום סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר צוליבן דערשיינען פֿון אַרטיקל „די שולע פֿון אָבסקוראַנטיזם" אין סאָוויעטישן אינפֿאָרמאַציע ־ ביולעטין אין פּאַריז.

●

אונדזער סאָציאַלע טעטיקייט האָט זיך האַיאָר אַנטוויקלט נאָרמאַל און אַפֿילו אויסגעברייטערט איר פֿאַרנעם.

ליידער זיינען מיר אַריינגעטרעטן אין אַן עלטער, ווען די קראַנקייט ווערט אַן אָפֿטער גאַסט. מיר זאָרגן, אַז אונדזערע קראַנקע חברים זאָלן שטענדיק פֿילן, אַז מיר געדענקען וועגן זיי און, אַז זיי זיינען אונדז נאָענט.

אונדזער אָפּרו־הויז אין לעווענס פֿונקציאָנירט כסדר מיט גרויס דערפֿאָלג. אַלץ ווערט געטאָן, כדי די אָפּרו־מעגלעכקייטן פֿון די קאָנוואַלעסצענטן זאָלן זיך פֿאַרבעסערן. דעריבער ווערט „לאָריע ראָז" אַלץ מער פּאָפּולער אין דער יידישער סביבה, ווי אויך אין די קרייזן פֿון דער „סעקיריטע סאָסיאַל", וועלכע שיקט אונדז אַלץ אַ גרעסערע צאָל קאָנוואַלעסצענטן.

●

אַלע אונדזערע האַיאָריקע אונטערנעמונגען זיינען געקרוינט געוואָרן מיט אַ דערפֿאָלג. דאָס איז נוגע אונדזער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, דער טראַדיציאָנעלער צערעמאָניע אויף באַניע צום אָנדענק פֿון אונדזערע געפֿאַלענע פֿראָנט־חברים, דער טאָמבאָלאַ, וואָס האָט דערמעגלעכט איבערצוגעבן דריי מיליאָן פֿר. פֿאַר ישראל.

דער ביז איצטיקער פֿאַרלויף פֿון די באַל־צוגרייטונגען דערלויבט צו האָפֿן, אַז די דאָזיקע אונטערנעמונג וועט אויך זיין אַ דערפֿאָלגרייכע.

אויך דער „מוטיעל" ביי אונדזער פֿאַרבאַנד האָט האַיאָר אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט און באַקומען צענדליקער נייע מיטגלידער.

אונדזערע יורידישע פּערמאַנענצן פֿאַר עלטער־פּראָבלעמען און נוגע די דייטשע אָנטשעדיקונגען זיינען שטאַרק פּאָפּולער. אַ סך פֿון אונדזערע מיטגלידער האָבן, אַדאַנק אונדזער ראַטגעבער, געקאָנט אויסבעסערן זייער עלטער־רענטע.

אין אונדזער ביוראָ קאָן יעדער מיטליד יעדן טאָג באַקומען אַן עצה און אויך קאָנקרעטע הילף אין די פֿראַגן פֿון דער קאָמבאַטאַנטן־קאַרט, קאָמבאַטאַנטן־רענטע און מיליטערישע פּענסיעס.

אונדזער פֿאַרבאַנד האָט דורך זיין אינטענסיווער טאָג־טעגלעכע טעטיקייט זיך קונה שם געווען נישט בלויז אין די יידישע קאָמבאַטאַנטן־רייען, נאָר אויך אין דער גאַנצער יידישער סביבה. ער פֿאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין פֿראַנקרייך.

ער האָט זיך דאָס אָרט דעראָבערט אַדאַנק דער אַקטיוויטעט און צוגעבונדנקייט פֿון זיינע געטרייע מיטגלידער און טוער, אין דער ערשטער ריי פֿון די מיטגלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכע פֿירן אָן און קאָנטראָלירן פּערמאַנענט זיין טעטיקייט.

לאָמיר צום סוף אויסדריקן די ווונטשן פֿון געזונט און פּראָספּעריטעט פֿאַר אַלע אונדזערע מיטגלידער.

דעם 24־טן דעצעמבער אין האָטעל הילטאָן
18, avenue de Suffren - PARIS (15e)

28־טער נאַכט - באַל
פֿון אונדזער פֿאַרבאַנד
פֿון 10 אַוונט ביז 5 פֿרי

מיטן גרויסן אָרקעסטער פֿון אייפֿעל־טורעם אָנגעפֿירט פֿון

פּאָל פֿאָבר

אין אַרטיסטישן פּראָגראַם:

ליאָנעל ראָשמאַן

מיט זיינע מוזיקאַנטן און יידישע פֿאָלקלאָר־לידער

נינאַ באַרלי

אין יידישע און העברעאישע לידער

אייַנטריט 30 פֿראַנק

באַזאָרגט אייך פֿון פֿאָרויס מיט פּלעצער ביי די טישן

U.E.V.A.C.J., 58, rue du Château-d'Eau
PARIS (10e) — Téléphone : 607-49-26

## געלונגענע פֿאַרזאַמלונג פֿון „מוטיעל"

זונטיק דעם 9־טן נאָוועמבער איז פֿאָרגעקומען די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון „מוטיעל".

טראָץ דעם רעגנדיקן נאָכמיטאָג איז דער גרויסער זאַל פֿון פֿאַרבאַנד געווען איבערפֿולט.

די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען ביי שיין געדעקטע טישן מיט שאַמפּאַניער און קיכלעך, געשאָנקן דורך דעם לאַנגיאָריקן פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון קאָמבאַטאַנטן־פֿאַרבאַנד פּאַגעל און פֿרוי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער חתונה פֿון זייער זון און געבורט פֿון אַן איייניקל.

אונדזער פּרעזידענט, פּערסטונסקי, האָט באַגריסט דעם פֿאַרזאַמלטן עולם און ספּעציעל די נייע מיטגלידער, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל געקומען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון „מוטיעל". ער האָט געוווּנטשן דעם חבר און פֿריינט פּאָגעל און זיין ליבער פֿרוי אַ סך יאָרן געזונט און נחת פֿון זייערע קינדער און אייניקלעך.

נאָכן טרינקען לחיים גיט דער פּרעזידענט דאָס וואָרט דעם פּראָפֿעסאָר ט. גראָל צום רעפֿעראַט אויף דער טעמע: „דאָס יידישע פֿאָלק און זיין געשיכטע".

דער רעדנער גיט אַ ברייטן איבערבליק איבער דער געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק פֿון זיין אַנטשטייאונג ביז דער לעצטער עפּאָכע. ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף די ווערטן, געשאַפֿענע דורך אונדזער פֿאָלק, וועלכע זיינען אַריין אין אוצר פֿון דער אַלגעמיינער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, ווי למשל מאָנאָטעאיזם און פֿיל פֿילאָזאָפֿישע טעאָריעס. ער דערמאָנט אַזעלכע ריזן פֿון דער מענטשלעכער קולטור, ווי שפּינאָזאַ, מאַרקס, איינשטיין א"א.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן אויסגעהערט מיט שפּאַנונג דעם באַלערנדיקן און אינטערעסאַנטן רעפֿעראַט, נאָך וועלכן זיי האָבן געשטעלט דעם רעדנער אַ גרויסע צאָל פֿראַגן, ווי למשל: 1) מיט וואָס דערקלערט זיך, אַז טראָץ די אומגינסטיקע באַדינגונגען און פֿאַרפֿאָלגונגען האָט דאָס יידישע פֿאָלק זיך אויפֿגעהאַלטן אַלס פֿאָלק אָן אַ געמיינזאַמער טעריטאָריע און אַפֿילו אָן אַ געמיינזאַמער שפּראַך? 2) וואָס האָט באַווירקט, אַז די יידן האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעטיילט אויף אשכנזים און ספֿרדים? 3) ווי אַזוי דערקלערט מען די פֿאָרמולע: עין תחת עין?

פּראָפֿעסאָר גראָל האָט געענטפֿערט אויף די פֿראַגן זייער אויספֿירלעך. דער רעפֿעראַט און די ענטפֿערס זיינען געווען אַ מין 2־שעהענדיקער וויסנשאַפֿטלעכער שפּאַציר איבער דער יידישער געשיכטע.

נאָך דעם האָט די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ משפּחה־יום־טוב. אין אַ גאָר היימישער סביבה טרינקט מען לחיים. מען פֿרעגט וועגן געזונט פֿון די קינדער און אייניקלעך, מען דיסקוטירט וועגן רעפֿעראַט און עס הערן זיך שטימען, אַז די איניציאַטיוו פֿון דער פֿאַרוואַלטונג איינצואָרדענען אַזאַ אינטערעסאַנטע פֿאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ גוטע.

צופֿרידענע, גייען מיר זיך פֿאַנאַנדער מיטן ווונטש זיך צו טרעפֿן אויפֿן ניי־יאָר־באַל פֿון אונדזער פֿאַרבאַנד.

פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג

אָרטענשטיין

N° 138 Décembre 1972



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואָס הערט זיך אין דער קאַמבאַטאַנטן־וועלט?

אין לעצטן נומער פון אונדזער צייטונג האָבן מיר רעזומירט די דעבאַטע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם 30־סטן יוני נוגע די קאַמבאַטאַנטן־פּראָבלעמען.

די דאָזיקע דעבאַטע איז געפירט געוואָרן אין דער אַנוועזנהייט פון מיניסטער דיווילאַר, מיטגליד פון פאַריקן רעגירונג־קאַבינעט. זיין האַרטע שטעלונג האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע אומצופרידנקייט.

די דעבאַטע פון 2־טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אין דער אַנוועזנהייט פון נייעם קאַמבאַטאַנטן־מיניסטער, באַרד, וועלכער האָט צוגעזאָגט אַן ענגערע צוזאַמענאַרבעט מיט די קאַמבאַטאַנטן ־ אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז געווען פאַר דער אָפּשטימונג פון קאַמבאַטאַנטן־ביודזשעט.

## די דעבאַטע נוגע קאַמבאַטאַנטן־ביודזשעט

דער "זשורנאַל דע קאַמבאַטאַן" גיט איבער אין אַ פאַרקירצטער פאָרם דעם פאַרלויף פון דער דעבאַטע. עס האָט זי געעפנט דער ראַפּאָרט־אָפּגעבער פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו דעם צוועק. זיין אַרויסטריט איז געווען אַ שטאַרק קריטישע.

נאָכן אָנמערקן, אַז די לעצטע יאָרן ווערט דער ראַפּאָר קאָנסטאַן ריכטיק אָנגעווענדן, האָט ער אָבער דערמאָנט, אַז די רעגירונג־באַשלוסן נוגע דער העכערונג פון די לוינען פון די פונקציאָנערן פון דער קאַטעגאָריע צ. און ד. לויטן סיסטעם פון פּרעמיעס איז אַ נישט־גינסטיקע פאַר די מלחמה־פּענסיאָנירטע. מיר האָבן דערגרייכט אַ מאָמענט, ווען די צאָל שטאַרבנדיקע פּענסיאָנירטע ווערט אַלץ אַ גרעסערע און די סומעס, וואָס ווערן אויסגעשטראָכן פון ביודזשעט זיינען שוין גרעסערע ווי די העכערונגען פון די פּענסיעס. עס וועט זיין וואָס אַמאָל שווערער אויפצוקלערן, פאַרוואָס דער קאַמבאַטאַנטן־ביודזשעט פאַרקלענערט זיך כסדר און מען טיילט אפילו נישט צו כאָטש אַ טייל פון די נישט־אויסגענוצטע סומעס. כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די פּענסיאָנירטע.

דעריבער, דערקלערט דער רעדנער, האָט די קאָמיסיע רעזערווירט די אָפּשטימונג פון ביודזשעט און וועט אים נישט רעקאָמענדירן די דעפּוטאַטן, אויב די רעגירונג וועט נישט אָננעמען אַ ריי פּאָזיטיווע שריט.

אויך דער ראַפּאָרט־אָפּגעבער מצד דער קאָמיסיע פאַר קולטורעלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען האָט געמאַכט אַ ריי קריטישע באַמערקונגען. „צוגלייך מיט דער פינאַנץ־קאָמיסיע וואָלטן מיר געוואָלט, אַז אין ביודזשעט זאָלן זיין איינגעשריבן אַ ריי נייע מאָסמיטלען, הויפּטזעכלעך לטובת די מלחמה־אלמנות, די קאַמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג און בלינדע פון דער רעזיסטאַנס. ער האָט געפאָדערט, אַז ביי דער העכערונג פון דער רענטע פון די קאַמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג זאָל מען אויסשטרייכן דאָס וואָרט „אויסנאַמס־ווייז”, וואָס גיט אָנצוהערן, אַז עס וועלן נישט זיין קיין נייע העכערונגען. אויך ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די רעגירונג שאַצט איבער די קאָסטן פון דער העכערונג פון דער קאַמבאַטאַנטן־רענטע. מען קאָן לייכט פון דער סומע אָראָפּרעכענען 2 מיליאָן נייע פראַנקן און זיי באַשטימען אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אַנדערע קאַטעגאָריעס פּענסיאָנירטע.

דער מיניסטער פאַרטיידיקנדיק דעם ביודזשעט־פּראָיעקט, האָט איינצייטיק צעגעזאָגט צו נעמען אין באַטראַכט אַ ריי קריטישע באַמערקונגען. ער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דער פאָדערונג פון די קאַמבאַטאַנטן ־ אָרגאַניזאַציעס, אַז די רעגירונג זאָל מיט זיי דיסקוטירן וועגן זייערע פּראָבלעמען. „אין דער ערשטער ריי דאַרף מען אָנהייבן אַן אָפענע און פרייע דיסקוסיע. איך גרייט מיך איינצולאַדן די פאָרשטייער פון פאַרשידענע פאַראינטערעסירטע קאַטעגאָריעס און צו שאַפן סטודיום־גרופּעס מיט אַ ברייטער פאָרשטייערשאַפט נוגע די וויכטיקע פאָדערונגען”.

דאָס האָט אָבער נישט צופרידנגעשטעלט די דעפּוטאַטן. די 40 רעדנער, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטן אין דער דעבאַטע, אויסער אייניקע, האָבן קריטיקירט דעם ביודזשעט־פּראָיעקט. מיר ברענגען דאָ קורצע אויסצוגן פון אייניקע אַרויסטרעטונגען.

דעפּ. בעקלער: „די רעגירונג דאַרף פּאָזיטיוו ענטפערן אויף דריי פראַגן: שטופנווייזע העכערונג פון דער קאַמבאַטאַנטן־רענטע, צוטיילן די קאַמבאַטאַנטן־קאַרטע די געוועזענע פון נאָרד־אַפריקע, אָרגאַניזירן אַ רונדן טיש מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ, ווייל פּאַריז איז נישט גאַנץ פראַנקרייך.”

דעפּ. נילעס: „אין סך־הכל ווערן די קאַמבאַטאַנטן ־ פאָדערונגען אופסניי אָפּגעוואָרפן. אייערע פאָרשלאָגן זיינען נוגע בלויז אַ קליינער צאָל פּערזאָנען. דער ביודזשעט־פּראָיעקט איז ליידיק· מיר וועלן פאַר אים נישט שטימען”.

דעפּ. בראָקאָר האָט געפאָדערט דאָס אָפּשאַפן פון די פאָרקלוזיעס. „אַלס פאַרטרעטער פון דעפּאַרטאַמענט האָט־סאַוואַ, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער צענטער פון ווידערשטאַנד, קען איך אַ סך ווידערשטענדלער, וואָס האָבן פאַרנאַכלעסיקט אַרויסצוטרעטן וועגן אַ קאַמבאַטאַנטן־קאַרטע. דאָס אָפּשאַפן די פאָרקלוזיעס וועט דערמעגלעכן די אָנערקענונג פון זייערע רעכט”.

דעפּ. זשילבער פּאָר: „זיכער זיינען די קאַמבאַטאַנטן נישט קיין אַוואַנטוריסטן, און זיי שטורמען נישט קיין עפנטלעכע געביידעס. זיי זיינען אָבער אויך נישט קיין רעזיגנירטע מענטשן. אייער ביודזשעט באַפרידיקט זיי נישט. זייט נישט פאַרוווּנדערט, אויב זיי וועלן אַרויסווייזן זייער באַרעכטיקטע אומצופרידנקייט בעת די נאָענטע וואַלן”.

דעפּ. ביניאָן: „דער ראַפּאָר קאָנסטאַן ווערט נישט רעספּעקטירט. ווען מיר האָבן געשטימט אין 1953 פאַרן געזעץ־פּראָיעקט פון דער רעגירונג זיינען מיר געווען זיכער, אַז די פּענסיעס וועלן זיך פּראָגרעסיוו דערנענטערן צו זייער ווערט פון 1937. מיר זיינען ווייט דערפון.”

דעפּ. האָפּער: „מען דאַרף געבן די קריגס־געפאַנגענע די רעכט אויף רעטרעט פאַר 65 יאָר. צי וועלן מיר קיינמאָל נישט זיין פעאיק נאָכצוקומען דער דאָזיקער פאָדערונג?”

דעפּ. בערטוען: „דער נייער קאַמבאַטאַנטן־ביודזשעט באַטרעפט 3,85 פּראָצענט פון אַלגעמיינעם רעגירונג־ביודזשעט. אין 1972 האָט ער באַטראָפן 4,1 פּראָצענט און אין 1971 — 4,27 פּראָצענט. איר זאָגט, אַז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג וואַקסט און סומע ברענגט אַריין אין דער רעגירונג־קאַסע אין איינציקע „טיערסע”.

די צאָל געוועזענע קאַמבאַטאַנטן פאַרקלענערט זיך. וואַרט נישט צו לאַנג, כדי צו באַפרידיקן זייערע פאָדערונגען, אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט איר קאָנען אָפּשאַפן דעם ביודזשעט, ווייל עס וועט מער נישט בלייבן קיין קאַמבאַטאַנטן”.

דעפּ. וואַיאַן־קוטיריע פאַרטיידיקט די רעכט פון די אינטערנירטע·

דעפּ. קאָליער: „די אומגלייכקייט פון דער רעטרעט פון די קאַמבאַטאַנטן פון דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה איז אַ שאָקירנדיקע. 382 פראַנק פאַר איינע און 35 פראַנק פאַר די אַנדערע. מיטן מאָמענט, ווען אַלע, צוזאַמען מיטן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, זיינען איינשטימיק אין דער פראַגע, פאַרוואָס זאָל מען דאָס יאָר נישט העכערן די רעטרעט פאַר די קאַמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג אויף 100 פראַנק.

דעפּ. שאַמבאָן טרעט אַרויס אין דער זעלבער פראַגע: „די העכערונג, אַלס ערשטער עטאַפּ, פון דער רענטע פון די קאַמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג אויף 100 פראַנק וועט קאָסטן 12 מיליאָן פראַנק. אַזאַ זאָל מען אָרגאַניזירן אין „טיערסע” מער און דאָס דעם 8־טן מאַי·

דעפּ. דיוואַל: „די שלעכטע שטימונג פון די קאַמבאַטאַנטן ווערט נאָך פאַרגרעסערט צוליב דער גלייכגילטיקייט מצד דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז נישט, ווי מיר, אין קאָנטאַקט מיט די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייער לאַנד, ווען די פרייהייט איז געשטאַנען אין קאָן. זיי פאַרדאַנקען מיר, וואָס פראַנקרייך איז אַ רייך לאַנד, ווו עס איז גוט צו לעבן. זיי האָבן דעריבער רעכט צו פאָדערן מיר זאָלן זיי רעספּעקטירן און פאַרטיידיקן זייערע רעכט.”

ווי באַוווּסט האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען דעם רעגירונג־פּראָיעקט נאָך אַ ריי אויסבעסערונגען.

אָבער דער סענאַט האָט אָפּגעוואָרפן דעם ביודזשעט־פּראָיעקט. ער וועט דעריבער נאָכאַמאָל ווערן אַרומגערעדט, דורך אַ קאָמיסיע פון דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, איידער ער וועט פאָרגעשטעלט ווערן צו דער ענדגילטיקער אָפּשטימונג אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג·

## פּעטען, טוויע, אילערס

דער „רעוועי־דע־קאַמבאַטאַן” שטעלט אויפסניי אַוועק די פראַגע פּעטען.

„נאָך דער דערקלערונג פון מלוכה־פּרעזידענט וועגן אָפּשטעלן „די היסטאָרישע קריגעריי” צווישן פראַנצויזן, פאָדערנדיק אַן אמתע אינטעלעקטועלע אַמנעסטיע פאַר אַלע פאַקטן, וואָס האָבן דערפירט די פראַנצויזן, זיי זאָלן זיך צעטיילן און אַרומרייסן צווישן זיך — האָבן אַ גאַנצע ריי פּערזענלעכקייטן זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין.

דער פינאַנץ־מיניסטער, זשיסקאַר ד'עסטען באַרעכטיקט די באַגנעדיקונג פון טוויע און פאָדערט אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פאַררעטער.

דער קאָלאָנעל רעמי פאַרטיידיקט טוויע און גיט אַ פאַרלעזונג אין ווישי וועגן פּעטענען.

לעצטנס האָבן זשאַן זשאַק סערוואַן־שרייבער און לעקאַנוע זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר איבערפירן דעם קערפּער פון פּעטענען קיין דואָמאָן”.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען פאַרעפנטלעכט דער „פּאַטריאָט־רעזיסטאַן” אַ דערקלערונג פון דער פעדעראַציע פון די דעפּאָרטירטע, וועלכע „דערמאָנט, אַז זי שטעלט זיך אַנטקעגן, צוזאַמען מיט אַלע ווידערשטענדלער, וואָס האָבן אַדאַנק זייער קרבנותפולקייט געהאָלפן באַפרייען דאָס לאַנד, אַז אַזאַ כבוד זאָל אָפּגעגעבן ווערן דעם, וואָס האָט באַקומען אַ טויט־שטראָף פאַר צוזאַמענאַרבעט מיטן שונא.

„די אָקופּאַציע, שרייבט ווייטער די צייטונג, איז נישט געווען ווי עס האָט דערקלערט לעצטנס דער מלוכה־פּרעזידענט, אַן עפּאָכע, ווען די פראַנצויזן האָבן זיך נישט ליב געהאַט און אַרויסגעטרעטן איינע קעגן די אַנדערע, ווייל פון איין זייט האָט זיך געפונען אַ הייפל פאַררעטער, וואָס האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיטן פאַשיסטישן אָקופּאַנט און אַנטיילגענומען אין זיינע פאַרברעכנס און פון דער צווייטער די פראַנצויזן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די דערנידערונג פון פראַנקרייך און האָבן אין אַלץ גרעסערע מאָסן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון ווידערשטאַנד”·

אַ גאַנצע ריי קאַמבאַטאַנטן־צייטונגען פאָדערן צוריק צו עפענען די דאָסיע פון פאַל טוויע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערקלערונג פון ליאָנער פּאָליציי ־ אָפיציר ברען לויט וועלכן אַן אַנדערער פּאָליציי־אָפיציר פון ליאָן, טאַנאַ האָט אַרויסגענומען פון טוויעס דאָסיע אַ ריי קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן.

דער „פּאַטריאָט רעזיסטאַן” דערמאָנט אַן אַנדערן פאַל:

„די אַקטואַליטעט האָט אָנגעשטעלט איר פּראָזשעקטאָר אויף אַ זייער רואיקן ריכטער, וועלכער וואָלט געוואָלט מען זאָל אים וויטער לאָזן צורו. עס האַנדלט זיך אין ד"ר היינריך אילערס, פּרעזידענט פון טריבונאַל פאַר סאָציאַלע ענינים אין נידער־זאַקסן, מערב־דייטשלאַנד.

אילערס, וועלכער פאַרנעמט איצט אַ בכבודיקן פּאָסטן, האָט אָבער אַ זייער נישט אָנגענעמע פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען שעף פון דער געשטאַפּאָ אין פּאַריז, אַזוי ווי באַרביע אין ליאָן. זיין אויפגאַבע איז געווען צוו"א אויסצוווילן ערובניקעס אויף צו דערשיסן. צו דעם דאַרף מען צוגעבן יידן־פאַרפאָלגונגען און טאַרטורן. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער גרויסער אָבלאַווע פון 16־טן יולי 1942 און פון די, וואָס האָבן אַוועקגעשיקט דעם „טויט־צוג”.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די דעפּאָרטירטע האָט דעריבער פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט אין וועלכן ער פאָדערט צו „פאַרשנעלערן די אויספאָרשונג, וואָס איז שוין געעפנט געוואָרן קעגן ד"ר אילערס, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר עקזעקוציעס פון ערובניקעס און פאַר דעפּאָרטאַציע פון פיל פראַנצויזן אין די נאַצישע טויט־לאַגערן און פאָדערן אויף דער באַזע פון די באַשלוסן פון דער אָנו זיין עקסטראַדיציע, כדי ער זאָל קאָנען ווערן געמשפּט אויפן אָרט פון זיינע פאַרברעכנס”.

---

## דאָס יובל־בוך „דער יידישער פרייהייט־קעמפער 1939-1945”

### צו באַקומען אין אונדזער פאַרבאַנד

דאָס רייך־אילוסטרירטע בוך, אין דער יידישער און פראַנצויזישער שפּראַך, אַנטהאַלט ביי אַ הונדערט גבית־עדות וועגן דעם אָנטייל פון די יידישע איינגעוואַנדערטע אין פראַנקרייך אין די קאַמפן בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה קעגן די נאַצישע אָקופּאַנטן.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון בוך איז געווידמעט דער 25־יאָריקער אַקטיוויטעט פון דעם יידישן קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך.

פּראָמינענטע יידישע, ווי נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן, האָבן זיך זייער וואַרעם אַרויסגעזאָגט וועגן דער דאָזיקער לוקסוס־אויסגאַבע.

דאָס בוך קאָן מען באַשטעלן אין ביוראָ פון פאַרבאַנד, 58 רי דע שאַטאָ ד'אָ, אָדער טעלעפאָניש: 26־49־607.



N° 138 Décembre 1972 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# ● טעאַטער און קינאָ ●

## וואָס צו זען און ווו זיך פּאַרוויילן ערב די ניי־יאָר יום־טובים ?

ס'איז נישט פון די לייכטסטע זאַכן צו רעקאָמענדירן אונדזערע חברים און מיטגלידער אויף אַ סכעמאַטישן אופן, וואָס ס'איז ווערט צו זען אין טעאַטער און אין קינאָ, באַזונדערס מיט דער דערנענטערונג פון די ניי־יאָר יום־טובים, ווען יעדער זוכט זיך צו פּאַרוויילן און האָבן פאַרגעניגן.

דאַרפן מיר קודם־כל דערמאָנען, אַז אין פּאַריז, אָנהויבנדיק פון טעאַטער, זיינען טראָץ דעם קריזיס, וואָס עס לעבט איבער דאָס פראַנצויזישע טעאַטער, דאָך נאָך טעטיק כמעט אַלע 55 טעאַטערזאַלן, דערונטער מערערע סובווענציאָנירטע דורך דער מלוכה, ווי אויך מוזיק־האַלן און קאַפע־טעאַטערס.

### אין „ט.ע.פ.״

נישט קענענדיק צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ רעדן וועגן אַלע פאָרשטעלונגען, וועלן מיר זיך באַגנוגענען צו רעקאָמענדירן די פּיעסע פון בערטאָלד ברעכט „די הייליקע זשאַן פון די שעכט־הייזער״ וואָס ווערט געשפּילט אין ט.ע.פ. (17 רי מאַלט ברען, ביים גאַמבעטאַ־פּלאַץ).

די פּיעסע, וואָס איז גלענצנדיק געשפּילט איז נאַטירלעך אויף אַן ערנסטער, עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און פּסיכאָלאָגישער טעמע, וואָס דעמאַסקירט דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, באַזונדערס דעם מאָנאָפּאָל פון פלייש. מיר זעען ווי אַזוי עס אַנטשטייען פינאַנציעלע קריזיסן, ווער עס זיינען די וואָס פּראָפּיטירן און ווער עס זיינען די קרבנות.

אַ צווייטע פּיעסע פון ברעכט „דער דזשונגל פון די שטעט״ ווערט אויפגעפירט אין זאַל „זשעמיע״ אין „שאַיאָ״־פּאַלאַץ.

### אין „טעאַטער דע לאַ וויל״

אַן אַנדערע פּיעסע אויף אַ סאָציאַלער טעמע, אָבער ווו מען לאַכט דעם גאַנצן אָוונט איז „סאַנטע פּיבליק״ פון פּיטער ניקאָלס, אין „טעאַטער דע לאַ וויל״.

דער צושויער לעבט דעם גאַנצן אָוונט איבער אין אַ שפּיטאָל צווישן קראַנקע, און באַקענט זיך מיט די פּראָבלעמען פון די קראַנקע, מיט זייער טאָגטעגלעכן לעבן, ווי מיטן אוניווערס פון שפּיטאָל.

מען לאַכט נישט, נאַטירלעך, נישט פון די קראַנקע און נישט פון פּערסאָנאַל, נאָר פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, רעפלעקסן און דער עיקר פון דעם קאָנסערוואַטיזם. די קראַנקע באַווייזן שריט אויף טריט וועגן פעלן פון מענטשלעכע באַציאונגען צו דעם וואָס ליידט. עס פעלן דערביי נישט אויך קיין ראַסיסטישע באַמערקונגען, וועלכע דער מחבר דעמאַסקירט.

די פּיעסע ענדיקט זיך פריילעך און מיט אָפּטימיזם.

די צווייטע פּיעסע, וואָס ווערט דאָרט געשפּילט איז „סיד״ פון קאָרנעי אין אַ בייער קאָנצעפּציע. זי איז אויך אינטערעסאַנט צו זען.

אין „טעאַטער דע פּאַרי״ ווערט געשפּילט מיט דערפאָלג די זייער פּאַרוויילנדיקע פּיעסע „האַני סואַ קי מאַל אי פּאַנס״ מיט קלאָד ריש; אין „געטע מאָנפּאַרנאַס״ גייט „ען פּאַפּ אַ ניו־יאָרק״ און אין „פּאָרט סען מאַרטען״ ווערט פאַרגעזעצט די מוזיקאַלישע קאָמעדיע „גאָדספּעל״.

אַז מען רעדט שוין פון ערנסטע אויפפירונגען דאַרף מען נישט אַרויסלאָזן פון אויג די צוויי ספּעקטאַקלען אין „טעאַטער דע סאָלעי״ פון אַריאַן מנושקין, אין דער „קאַרטושערי״ פון ווענסענער וואַלד. דאָס זיינען „1789״ און „1793״, ביידע וועגן דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס שטייען אויף זייער אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה און פון אַ רעוואָלוציאָנערער קאָנצעפּציע.

זיי ווערן געשפּילט איין טאָג נאָכן אַנדערן פון מיטוואָך אָוונט ביז זונטיק אָוונט: שבת און זונטיק אויך נאָכמיטאָג (אַ קאַר פירט איבער די צושויער אַהין און צוריק פון מעטראָ שאַטאָ דע ווענסען).

### פון אַ לייכטערן זשאַנער

פאַר די, וועלכע זוכן אַ פּיעסע פון אַ לייכטערן זשאַנער, זיינען גראָד פאַראַן זייער אַ סך פון דעם מין.

דאָס איז אין דער ערשטער ריי דער ספּעקטאַקל „לע בראַנקיגיאָל״ פון ראָבערט דערי, אין „טעאַטער דע לאַ בריער״. זי באַשטייט פון אַ סעריע סקעטשן און גאַגן, איינער קאָמישער פון דער צווייטער, וואָס רופן אַרויס אומאויפהערלעכע ביי־פאַלן און געלעכטער. הערן לאַכן אַזוי שטאַרק אַרום זיך איז גאָר נישט קיין קלייניקייט. דאָס אַליין איז שוין קונסט.

דאַן איז צו זען „לע קאַנאַר אַ ל'אָראַנזש״ וואָס ווערט געשפּילט תמיד אין „זשימנאַז״; „אָסקאַר״, מיט לואי דע פינעס אין „פּאַלע רויאַל״; „לע נואַר טע וואַ ביען״, אין „טעאַטער אַנטואַן״, אויף בולוואַר שטראַסבורג, אַ קאָמעדיע מיט מאַריאַ פּאַקאָן און זשאַן לע פּולען.

אויב דער אויסוואַל איז נאָך נישט אַ גענוגנדיקער, ראַטן מיר צו גיין זען די 250 סאָוויעטישע זינגער און טענצער, אין ספּאָרט־פּאַלאַץ, ביי פּאָרט דע ווערסאַיל. דאָס איז אַ ספּעקטאַקל פון געזאַנג און טאַנץ, אַ קוואַלנדיקער פאָלקלאָר פון מערערע סאָוויעטישע רעפּובליקן, וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ווי אויך דעם יאַפּאַנישן טאַנץ־אַנסאַמבל „רעד בודאַ״ אין נייעם טעאַטער־זאַל „קאַרע טאַריני״, 8 רי טאַריני אין 4־טן אַראָנד.

### די פילמען

צווישן די ערשט־קלאַסיקע פילמען רעקאָמענדירן מיר „צעזאַר און ראָזאַלי״, וואָס שלאָגט נאָך אַלץ אַלע רעקאָרדן. דאָס איז אַ דראַמאַטישע קאָמעדיע פון רעזשיסער סאָטע. די טעמע פון פילם איז: צוויי מענער (איוו מאָנטאַן און סאַמי פרעי), האָבן ליב די זעלבע פרוי (ראָמי שניידער). דער עיקר איז אין דעם פילם דער דיאַלאָג און די אויסערגעוויינלעכע שפּיל פון איוו מאָנטאַן, וואָס קלאַסירט אים — אָן שום ספק — אַלס אַ צווייטן רעמי — אַן אומפאַרגעסלעכער פילם.

אַן אַנדערער פילם, וואָס איז ווערט צו זען איז דער אַטענטאַט („ל'אַטאַנטאַ״). דאָס איז אַ שטאַרקער פילם, אינספּירירט דורך דער בען־באַרקאַ־אַפערע, ווו מען זעט ביי דער אַרבעט די געהיימע שפּיאָנאַזש־ביוראָס פון מערערע לענדער, דערונטער די אַמעריקאַנער „פ.ב.איי״. דער פילם איז זייער גוט רעאַליזירט, אויסגעצייכנט אַרויסגעהויבן דורך אַזעלכע אַרטיסטן ווי טרענטיניאַן, מישעל פּיקאָלי, פראַנסואַ פּעריע, פיליפּ נואַרע און אַנדערע.

צווישן די אַנדערע פילמען קומען אויפן ערשטן אָרט „לע שאַרם דיסקרע דע לאַ בורזשואַזי״, אַ סאַטירישע קאָמעדיע פון בוניועל מיט אויסגעצייכנטע אַרטיסטן; „אַפראַנטי סאָרסיער״, אַ פילם אין קאָלירן וועגן לעצטן קריג; „ד״ר פּאָפּאָל״, אַ דראַמאַטישע קאָמעדיע פון שאַבראָל מיט זשאַן פּאָל בעלמאָנדאָ.

מיר רעקאָמענדירן באַזונדערס צו זען דעם סאָוויעטישן פילם „אַנדרע רובלאָוו״ וועגן לעבן פון באַרימטן מאָלער פון איקאָנעס, וועלכער האָט געלעבט אין רוסלאַנד אין 15־טן יאָרהונדערט און „פּאַמילי לייף״, אַן ענגלישן פילם, וועגן אַ יונג מיידל אין קאָנפליקט מיט אירע עלטערן, ווי אויך דעם פילם „באָ מאַסק״, לויטן פּראַכטיקן ראָמאַן פון פאַרשטאָרבענעם שרייבער ראָזשע וואַיאַן וועגן אַן איטאַליענישן אייגעוואַנדערטן אַרבעטער, וואָס פאַרליבט זיך אין פּיערעט, אַ סינדיקאַלע דעלעגאַטין און וואָס ווילן ביידע ענדערן די פראַנצויזישע געזעלשאַפט.

נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אויסוואַל דאַרפן אָבער אונדזערע חברים נישט פאַרגעסן — דער עיקר — צו קומען אויף אונדזער יערלעכן באַל פון נאָעל אין הילטאָן־זאַל, ווו זיי וועלן פאַרברענגען אונטער די קלאַנגען פון אַ גיטן אָרקעסטער און אַ פיינעם פּראָגראַם אַן אָנגענעמען אָוונט אין אַ היימישער און חברישער סביבה.

מ. שוסטער

## געוועזענע קריגס־געפאַנגענע : וואָס טאָן, כדי צו פאַרלאַנגען רעטרעט פאַר 65 יאָר

לעצטנס האָבן אַ ריי דעפּוטאַטן געשטעלט פראַגן דעם מיניסטער פאַר עפנטלעכער געזונטהייט און סעקיריטע סאָסיאַל, כדי צו וויסן אין וועלכע באַדינגונגען געוו. קריגס־געפאַנגענע פון אַריבער 60 יאָר, אומפּעאיקע צו אַרבעטן, קאָנען באַקומען די עלטער־רענטע פאַר 65 יאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיטן געזעץ פון 31־טן דעצעמבער 1971, וועלכעס זעט פאַר געוויסע פאַרלייכטערונגען אין דער דאָזיקער פראַגע.

דער מיניסטער האָט געענטפערט, אַז די ביטע פון אַ קריגס־געפאַנגענעם פון אַריבער 60 יאָר, וועלכער פילט זיך נישט פעאיק צו אַרבעטן, וועט איבערגיין צום דאָקטאָר־ראַטגעבער פון דער פאַראינטערעסירטער קאַסע. דער געוועזענער קריגס־געפאַנגענער דאַרף ביילייגן צו דער ביטע אַ דערקלערונג נוגע די באַדינגונגען אין וועלכע ער האָט געלעבט אין געפאַנגענשאַפט־לאַגער.

דאָס איז אַ נייער עלעמענט אין דער פּראָצעדור. ער וועט דערמעגלעכן דעם דאָקטאָר־ראַטגעבער פון דער קאַסע צו באַשטימען, אויף וויפל דאָס פאַרבלייבן יאָרנלאַנג אין לאַגער האָט פאַרקלענערט זיין אַרבעטספּעאיקייט.

כדי די דאָזיקע דאָקטוירים זאָלן גענוי זיך באַקענען מיטן פּראָבלעם, וועט דאָס מיניסטעריום צושטעלן דעם דאָקטאָר הויפּט־ראַטגעבער פון די קאַסעס די אויספירן פון דער דאָקטוירים־קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט דעם דאָקומענט וועגן דער פּאַטאָלאָגיע פון געפאַנגענשאַפט און געקומען צום אויספיר, אַז די קריגס־געפאַנגענע דאַרפן געניסן פון עלטער־רענטע ביי 60 יאָר. מיט די דאָזיקע אויספירן וועלן זיך קאָנען באַקענען אַלע דאָקטוירים פון די קאַסעס פון דער סעקוריטע סאָסיאַל.

אַן אַנדערער נייער עלעמענט, איז דער פאַקט, וואָס דער פאַראינטערעסירטער קריגס־געפאַנגענער קאָן באַשטימען אַ דאָקטאָר, וועלכער איז ספּעציאַליזירט אין די פּראָבלעמען, כדי אָנטיילצונעמען אין דער קאָמיסיע, וועלכע באַשטימט צי ער דאַרף געניסן פון אַ פריצייטיקע רענטע.

די אָרגאַניזאַציעס פון קריגס־געפאַנגענע פון זייער זייט קאָנען האָבן צו דער דיספּאָזיציע פון זייערע מיטגלידער ליסטעס פון ספּעציאַליסטן, וועלכע וועלן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די געוועזענע קריגס־געפאַנגענע, וואָס ווילן געניסן פון אַ פריצייטיקער רענטע.

## די יידן אין דער רעזיסטאַנס

(סוף פון זייט 7)

האָט אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע צו זייערע חברים פון דער „יודענבאַראַקע״.

די „יודענבאַראַקע״ איז געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער ווידערשטאַנד־צענטער, ווען מיר זיינען איבערגעגאַנגען צו אַ פאַרצווייגטער אַקציע פון מאַכן אַנטלויפן געפאַנגענע פון לאַגער. פאַר זיי האָט מען געדאַרפט צוגרייטן ציווילע מלבושים. ביי אונדז האָט זיך געפונען אַ גרעסערע צאָל שניידערס. מען האָט געפאַרבט מיליטערישע קאַפּאָטעס. מען האָט זיך „פאַרשאַפן״ אין מאַגאַזין קאָלדרעס. די שניידערס האָבן איבערגעפאַרבט אַלץ פון קאַקי־קאָליר אויף בלע־מאַרין, שוואַרץ און אַנדערע ציווילע קאָלירן און דערפון גענייט אַנצוגן „סיר מעזיר״. עס איז צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אַן אמתע „פאַרבעריי״ און אַ באַזונדערע שניידער־אַטעליע.

מען האָט אויך געדאַרפט זיך פאַרשאַפן פאַלשע פּאַפּירן, רייזע־שיינען און אורלויב־שיינען פאַר פראַנצויזישע אַרבעטער אין דייטשלאַנד. די קאָמאַנדאָס, וועלכע האָבן געאַרבעט נעבן די באַן־ליניעס האָבן אָבסערווירט די באַן־צוגן, אָפּגייענדיקע קיין פראַנקרייך.........

אַזוי אַרום זיינען, צווישן אַנדערע אַנטלאָפן אויך אַ סך יידישע קריגס־געפאַנגענע, צווישן זיי אייזענבערג,ביילין, שאַפּאָשניק, כאָסיד, עספּעראַנס, גאָטליב, מ. גרינבערג, יאַקובאָוויטש, נעפּאָנאַצי, נינאָ, ה. סעגאַל, פיש, א. דזשיאָן. געוויסע פון זיי האָבן די דייטשן געכאַפּט אויפן וועג און אַוועקגעשיקט אין שטראָף־לאַגער אין ראַוואַ־רוסקאַ.

איזי בלום

(המשך אין נאָענטסטן נומער)


פּאָל פּאָבר
מיטן גרויסן אָרקעסטער
פון אייפעל־טורעם



דעם 24־טן דעצעמבער
אין האָטעל הילטאָן




Nº 138 Décembre 1972 (4)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>